# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען געזאמלט
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

פורים

מכון
באר האמונה

# פורים

**בדבר המלך - די וואונדערליכע השגחה פרטית וואָס מ'זעהט אין די מגילה**

**'בימים ההם כשבת המלך אחשורוש על כסא מלכותו אשר בשושן הבירה, בשנת שלש למלכו עשה משתה' וגו'** (אסתר א, ב-ג).

**די** 'תרגום שני' דערציילט, אַז די קעניגליכע שטול פון שלמה המלך ע"ה איז געווען ענליך צו דעם 'כסא של מעלה'. ווען פרעה און נבוכדנאצר זענען געזעסן אויף דעם שטול, זענען זיי געשעדיגט און געשטראָפט געוואָרן [און צוליב דעם ווערט פרעה אָנגערופן 'פרעה נכה', ווייל ווען ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפ'ן שטול, האָט די צורה פונעם לייב וואָס איז געווען אויסגעקריצט אויפ'ן שטול, איהם געביסן, און פון דעם איז ער געוואָרן הינקעדיג אויף זיין פוס]. ווען אחשורוש איז געוואָרן באַשטימט אַלס קעניג, האָט ער זיך אויך געוואָלט זעצן אויף אַזאַ שטול, אָבער ער האָט געציטערט צו זיצן אויף די זעלבע שטול אויף וועלכע זיינע פאָרגייער זענען געשעדיגט געוואָרן.

**וואָס** האָט אחשורוש געטוהן? ער האָט געזוכט פאַבלייט וואָס זאָלן בויען פאַר איהם אַ שטול וואָס האָט אויסגעזעהן ווי יענע שטול, און נאָר אין דער שטאָט שושן האָבן זיך געפונען פאַבלייט וואָס זענען געווען מומחים צו מאַכן אַזאַ שטול, וואָס איז געווען גאָר אַ שווערע אַרבעט. זיי האָבן טאַקע געבויט די שטול, במשך פון דריי יאָר. ווען זיי זענען פאַרטיג געוואָרן מיט דער אַרבעט און עס געוואָלט ברענגען צום פּאַלאַץ פון דעם קעניג, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז מ'קען עס נישט אַוועקרירן פון אָרט, און מ'האָט געמוזט איבערלאָזן די שטול אין שושן. דעריבער האָט דער קעניג באַשטימט זיין וואוין-אָרט אין שושן, און זינט דעמאָלס איז שושן געוואָרן די הויפטשטאָט פון אחשורוש'עס מלוכה.

**זאָגט** דער ווילנער גאון זצ"ל (אין זיין פירוש אויף מגילת אסתר) אַז דאָס איז די כוונה פון פסוק: 'כשבת המלך אחשורוש על כסא מלכותו אשר בשושן הבירה, בשנת שלש למלכו', ווייל דעמאָלס איז שושן געוואָרן די 'עיר הבירה', די הויפטשטאָט פון אחשורוש'עס מלוכה. דער תכלית פון דעם אַלעם איז געווען, ווייל 'איש יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכי'. וויבאַלד מ'האָט איהם געוואָלט גרויס מאַכן אין קעניגליכן פּאַלאַץ, ער זאָל דאָרט זיצן ביים טויער (און מרדכי האָט דאָך געוואוינט אין שושן), וועגן דעם איז די גאַנצע מלוכה אַריבערגעגאַנגען צו די שטאָט וואו מרדכי האָט געוואוינט.

**ווען** אַ מענטש איז זיך מתבונן אין דעם, רופט עס אַרויס אַ געוואַלדיגע שטוינונג, 'מה כל הרעש'?! פאַרוואָס האָט מרדכי זיך נישט געקענט אַריבערציען צו די הויפטשטאָט פון לאַנד, און דאַן וואָלט ער געזעסן ביים קעניגליכן טויער.

**נאָר** די כוונה דערפון איז, אַז אויך די דאָזיגע טירחא האָט דער אויבערשטער געוואָלט איינשפּאָרן און פאַרמיידן פון מרדכי. דעריבער האָט ער צוגעפירט אַז אחשורוש זאָל גליסטן צו בויען פאַר זיך אַזאַ קעניגליכע שטול ווי שלמה המלך ע"ה האָט געהאַט, און אַז די מומחים צו בויען אַזאַ שטול זאָלן וואוינען אין שושן, ממילא, וועט מען דאָרט מוזן בויען די שטול, אויף אַן אופן וואָס צום סוף וועט זיך אַרויסשטעלן אַז מ'קען נישט אַריבערפירן אַזאַ גרויסע שטול פון איין אָרט צום אַנדערן, און אַזוי וועט שושן ווערן די הויפטשטאָט פון אחשורוש'עס מלוכה. און דאָס אַלעס, כדי איין איד -מרדכי הצדיק- זאָל נישט דאַרפן וואַנדערן פון איין שטאָט צו אַן אַנדערער שטאָט, און זיך אַרומוואַלגערן אויף די וועגן.

**פון** דעם לערנען מיר, אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פאַר'ן כלל ישראל, און די גאַנצע הנהגה פון דער וועלט איז מיט אַ וואונדערליכן און פּונקטליכן חשבון, אַלעס מיט'ן ציל אַז שפּעטער זאָל זיין גוט פאַר אידישע קינדער[א].

---

**א.** דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הקדמה לפירוש המשניות) אַז ס'איז מעגליך אַז דער אויבערשטער זאָל אַריינגעבן אין האַרץ פון אַ מענטש צו בויען אַ הערליך-שיינעם פּאַלאַץ, צוליב דעם, ווייל יאָרן שפּעטער וועט מעגליך קומען אַ ערליכע איד, און זיך דאַרפן אויפהאַלטן איין טאָג צווישן די ווענט פונעם פּאַלאַץ, כדי ער זאָל געראַטעוועט ווערן פון טויט.

**יעדער** איינער פון אונז, וואָס דאַרף צו מאָל גיין פון איין פּלאַץ צום אַנדערן, דאַרף נעמען דעם לימוד פאַר זיך, ס'זאָל איהם נישט ווי טוהן דאָס האַרץ, ווייל ס'איז זיכער דאָ אין דעם אַ גרויסער 'חשבון' אין הימל. ווייל די זעהסט דאך, וויפיל דער אויבערשטער האָט צוגעפירט צו פאַרמיידן אַז מרדכי זאָל נישט דאַרפן אַרומוואַנדערן אויפ'ן וועג[2]...

**ווער** פון אונז קען דען נישט די מעשה אין די מגילה (אסתר ו, א), 'בלילה ההוא נדדה שנת המלך ויאמר להביא את ספר הזכרונות... ויאמר המלך מה נעשה יקר וגדולה למרדכי על זה... ויאמר המלך מי בחצר'. אין יענע סעקונדע, איז המן געקומען צום קעניגליכן פּאַלאַץ, און דער קעניג האָט איהם געפרעגט, 'מה לעשות באיש אשר המלך חפץ ביקרו', און המן האָט געענטפערט 'יביאו לבוש מלכות' וגו'. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער נס, און די 'אתחלתא דגאולה'.

**יעצט**, לאָמיר זיך מתבונן זיין אין די מעשה. אויב המן וואָלט אָנגעקומען צום קעניגליכן פּאַלאַץ מיט בלויז עטליכע מינוט פריער, וואָלט ער געהערט אונטער'ן פענצטער ווי דער קעניג פרעגט וואָס מ'זאָל טוהן מיט מרדכי'ן אַ גוטע זאַך פאַר דעם וואָס ער האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פונעם קעניג. דאַן וואָלט המן זיכער נישט געענטפערט פאַר'ן קעניג אַז מ'זאָל ברענגען אַ 'לבוש מלכות' וגו', ווייל ער וואָלט פאַרשטאַנען אַז אחשוורוש וויל גרויס מאַכן זיין שונא, מרדכי.

**פון** דער צווייטער זייט, אויב המן וואָלט געשפעטיגט אָנצוקומען אַפילו אַ פּאָר סעקונדעס [ספּעציעל אויב לויט'ן דרך ארץ, פּאַסט נישט צו קומען צום קעניג

---

די ווערטער פונעם רמב"ם זענען בלויז א משל, און ס'מיז נשט מיינען דווקא אַ פּאַלאַץ וכו', נאר יעדער פון אונז אין יעדע מצב, דאַרפן וויסן מיט אַ קלאַרקייט, אַז די בוכ"ע האָט שוין מיט יאָרן צוריק צוגעגרייט זיין ישועה, און אין דער ריכטיגער מינוט וועט עס נתגלה ווערן.

**ב.** די גמרא זאָגט (מגילה טו:) וואָס האָט אסתר געזעהן איינצולאַדענען המן הרשע צו דער סעודה וואָס זי האָט געמאַכט פאַר אחשוורוש. זאָגט רבי שמעון בן מנסיא, 'אולי ירגיש המקום ויעשה לנו נס'. אפשר וועט דער אויבערשטער כביכול שפירן, און ער וועט אונז באַווייזן אַ נס. זאָגט רש"י, 'ירגיש שאני צריכה להחניף רשע זה, ולזלזל בכבודי'. דער אויבערשטער וועט זעהן אַז איך דאַרף זיך חנפ'ענען צו דעם רשע המן און גרינגשעצן מיין אייגענעם כבוד.

דאַרף מען פאַרשטיין, צי דען האָט אסתר נישט געפונען אַ זכות מעורר רחמים צו זיין און בטל מאַכן די גזירה און באַווייזן אַ נס, נאָר מיט די 'טענה', אַז זי דאַרף חנפ'ענען דעם רשע המן און מזלזל זיין אין איר אייגענעם כבוד? אויב די אידן האָבן חלילה נישט געהאַט אַ זכות, איז וואָס קען שוין העלפן די דאָזיגע קליינִיגקייט?

איז דער תירוץ, דער אויבערשטער איז דאָך דער 'א-ל אמונה ואין עול, כי כל דרכיו משפט'. מ'גיט נישט פון הימל צער פאַר אַ מענטש ח"ו, נאָר מיט אַ חשבון גענוי 'אויפ'ן האָר', לויט וופיל ס'איז פאַר איהם באַשערט. וועגן דעם האָט אסתר געזאָגט, אַז אפשר איז אט דער צער וואָס זי דאַרף חנפ'ענען המן און מזלזל זיין אין איר אייגענעם כבוד, נישט אין חשבון פון די גזירה, און ממילא, וועט די גזירה נישט קענען צושטאַנד קומען. אפילו אויב מדת הדין פאַרלאַנגט ח"ו 'להשמיד להרוג ולאבד', איז אָבער אַזוי די הנהגה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, נישט צוצולייגן אַפילו אַ משהו פון צער, מער ווי ס'איז באַשערט פון אויבן.

דאָס קען מען אויך לערנען פון די ווערטער פון מדרש (ב"ר פרשה ק, ו) אַז די צווייטע בריוו אין וועלכע ס'איז געשטאַנען געשריבן אַז דער קעניג גיט פאַר די אידן 'להקהל ולעמוד על נפשם', זענען געשריבן געוואָרן און אַרויסגעשיקט געוואָרן 'בחודש השלישי הוא חודש סיון, בשלשה ועשרים בו'. דעם 23סטן טאָג פון חודש סיון (כאָטש די גזירה איז שוין בטל געוואָרן אין זעכצנטן טאָג פון חודש ניסן). קומט אויס, אַז פון ווען די ערשטע בריוון זענען געשריבן געוואָרן אין דרייצענטן טאָג פון חודש ניסן, ביז עס זענען געשריבן געוואָרן די צווייטע, זענען אַדורכגעגאַנגען זיבעציג טעג. במשך פון דער גאַנצער צייט האָבן די שונאי ישראל זיך געפרייט, און חז"ל זאָגן אַז די זיבעציג טעג זענען געגעבן געוואָרן צו די שונאי ישראל אַלס שכר פאַר די זיבעציג טעג וואָס די מצריים האָבן געטוהן אַ חסד מיט יעקב אבינו ע"ה (בראשית נ, ג). זעהען מיר פון דעם, אַז יעדע סעקונדע פון צער וואָס די אידן האָבן געהאַט, איז אַלעס געווען מיט אַ מאָס, און מיט אַ פּונקטליכן חשבון.

אינמיטן נאכט. נאר בלויז צוליב זיין שנאה צו מרדכי'ן האט איבערגעוואויגן אלע 'נארמאלע' מענטשליכע חשבונות] וואלט ער נישט געשטאנען אין הויף ווען אחשוורוש האט געפרעגט 'מי בחצר', און דאן וואלט מען מסתמא גערופן איינע פון די קנעכט וואס האט זיך דעמאלס געפונען אין קעניגליכן פאלאץ, און דער קעניג וואלט איהם געפרעגט 'מה נעשה לאיש' וגו', און יענער וואלט געענטפערט לויט ווי ער פארשטייט, אז מ'זאל איהם אוועקשענקען א פעלד במתנה, אדער אן ענליכע טובה. נאך מער, אפילו אויב מ'זאל זאגן אז יענער משרת וואלט געענטפערט אזוי ווי המן האט געזאגט 'יביאו לבוש מלכות', וואלט עס אבער נישט געווען א דערנידעריגונג פאר המן. נאר דער 'מסבב כל הסיבות' האט אזוי צוגעפירט, אז דווקא המן זאל אנקומען אין קעניגליכן פאלאץ 'בעתו ובזמנו ממש', און פון דארט זאל ער אראפפאלן 'מאיגרא רמא לבירא עמיקתא'. פון דעמאלס האט זיך אנגעהויבן די ישועה פאר כלל ישראל.

**דער** מלבי"ם ז"ל לייגט צו (אסתר ב, כג, עיי"ש), אונטער נורמאלע אומשטענדן פירט זיך א מלוכה צו צאלן א גוטן באלוינונג, 'כיד המלך', פאר דעם וואס טוט ראטעווען דעם קעניג פון א זיכערן טויט. דא האבן די משרתים אבער געזאגט, 'לא נעשה עמו דבר'! דאס הייסט, מ'האט עס נאר אריינגעשריבן אין ספר הזכרונות, אז מרדכי האט געראטעוועט דעם קעניג'ס לעבן, אבער געטוהן דערפאר האט מען, גארנישט. ווי אזוי איז מעגליך אזא זאך?

**דאס** איז אויך מיט א פונקטליכן השגחה פרטית, ווייל זיין באלוינונג איז אוועק געלייגט געווארן פאר די ריכטיגע צייט, צו ראטעווען כלל ישראל מיט מרדכי בראש. 'רווח והצלחה ליהודים'[ג]. אויב אחשוורוש וואלט באלוינט מרדכי'ן בשעת מעשה ווען מ'האט גע'הרג'עט בגתן און תרש, וואלט קיינמאל נישט געקומען די ישועה דורך מרדכי[ד].

**חז"ל** זאגן (תענית כט.) "משנכנס אדר מרבין בשמחה". זאגט רש"י: "ימי ניסים לישראל, פורים ופסח".

**זאגט** דער "חתם סופר" (דרשות ח"א קסב:), עס איז דא א גרויסער חילוק צווישן די ניסים וואס האבן פאסירט אין חודש ניסן, און די ניסים וואס זענען פארגעקומען אין חודש אדר. אין חודש ניסן, איז דער נס געווען העכער פון די טבע - יציאת מצרים, און

---

**ג.** דאס הייסט, אז דער אויבערשטער האט צוגעגרייט די ישועה מיט א פונקטליכן חשבון, צו א פונקטליכן צייט.

דאס איז א לימוד פאר אונז, מ'זאל זיך נישט אפרעדן, איך האב דאך שוין פארגאסן אזוי פיל טרערן אויף א געוויסע זאך. אזוי פיל גוטע זאכן האב איך געטוהן געהאלפן צו ווערן, און איך זעה נאך נישט אפילו א שיין פון די ישועה. פארוואס זעה איך נישט די תוצאות פון מיינע תפילות און בקשות, סגולות א.ד.ג., ווייל אדרבה, דער אויבערשטער ציילט די תפילות און באהאלט זיי אויף א געוויסע צייט. עס וועט קומען דער טאג ווען דער מענטש וועט איינזעהן די טובה אין זכות פון דעם וואס ער האט געווארט.

**ד.** מיר האבן שוין עטליכע מאל דערציילט, אבער ס'איז כדאי עס איבערצו'חזר'ן. איינע פון די גרויסע תלמידים פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, איז אמאל געביסן געווארן פון א בין אינמיטן שלאף. ווען ער האט געשפירט דעם ביס, איז ער אראפגעשפרינגען פון בעט מיט א בהלה. דער שיסל מיט'ן 'נעגל וואסער' האט זיך איבערגעקערט, און דאס וואסער האט זיך אויסגעגאסן אויף דער ערד. ער האט זיך תיכף געוואשן די הענט מיט'ן ביסל וואסער וואס איז פארבליבן אין טעפל, און ער איז אראפ פון בעט כדי צו זעהן וואס דא האט פאסירט. האט ער באמערקט ברענענדיגע קוילן נעבן זיינע קליידער. אויב דאס וואסער וואלט זיך נישט אויסגעגאסן און אויסגעלאשן די קוילן, וואלט דאס פייער זיך אנגעכאפט אין די קליידער, און דאס הויז וואלט חלילה פארברענט געווארן. ער האט געדאנקט דעם אויבערשטען פאר דעם נס וואס ער האט מיט איהם געטוהן.

ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיין בעט, האט ער באמערקט אז דער דאך העכער דעם בעט איז אראפגעפאלן, אזוי אז עס האט מיט איהם פאסירט א גרויסער נס אז דאס בעט איז געווען ליידיג. ער האט יעצט געדאנקט דעם אויבערשטען פארביידע ניסים וואס ער האט מיט איהם געטוהן, איינער נאכ'ן אנדערן.

ווען ער האט צומארגנס דערציילט פאר זיין רבי'ן דעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע וועגן די צוויי ניסים וואס האבן פאסירט מיט איהם, האט דער בעל שם טוב איהם געזאגט: דו האסט זוכה געווען צו דעם נס אין זכות פון אמונה, ווייל דער מענטש וואס לעבט מיט אמונה אין דעם באשעפער און ער ווייסט אז קיין שום זאך פאסירט נישט

קריעת ים סוף. אַזעלכע ניסים, זענען בשעת מעשה מער מפורסם. אבער די השגחה פון דעם אויבערשטען אויף יעדן שריט און טריט איז נישט אַזוי באַרימט. אנדערש איז אָבער ביי די ניסים פון חודש אדר, וואס דאן האָט זיך גאָרנישט געטוישט פון די טבע. ס'איז נישט געווען אינצווישן אַ מענטשליכע פעולה, אָבער ווען מ'איז זיך מתבונן אין די פּאַסירונגען, פון אָנהייב פון דער סעודה פון אחשוורוש ביז'ן סוף פון דער מעשה פון דער מגילה, זעהט מען די וואונדערליכע השגחה און די הנהגה פונעם סדר העולם. דער אויבערשטער האָט געענדערט די מערכות פון הימל, ווייל אַזוי טוט ער מיט'ן מענטש יעדן טאָג, נאָר "אין בעל הנס מכיר בניסו" - דער בעל הנס ווייסט אַליין נישט די גרויסע ניסים וואָס דער אויבערשטער טוט מיט איהם. צוליב דעם זאָגן חז"ל, "משנכנס אדר מרבין בשמחה", ווייל אין דעם חודש האָט זיך מער דערקענט די השגחה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא אויף אונז.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק (אסתר ט, כח) "וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים, וזכרם לא יסוף מזרעם". דאָ זאָגט דער פסוק צוויי בחינות: א) דער מענטש זאָל נתעורר ווערן אין פורים, און דורך דעם וועט ער אנערקענען די וואונדער פונעם באַשעפער ברוך הוא, און זיין השגחה אויפ'ן מענטש. ב) בפועל ממש, "לא יעברו מתוך היהודים". די אידן זאָלן געדענקען אין אַלע דורות, אַז דאָס איז אַזוי, ס'איז נישט נאָר אַ "מעשה שהיה", וואָס איז שוין פאָרגעקומען, נאָר "לא יעברו מתוך היהודים". אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אונז, וואָס עס זעהט אויס ווי עס איז אַ דרך הטבע, איז באמת מיט אַ וואונדערליכן חשבון, פאַר די טובה פון אידישע קינדער.

**דאָס** איז דער עיקר פון די אמונה, ווי דער רמב"ן ז"ל שרייבט (סוף פרשת בא) אַז דער מענטש וואָס גלייבט נישט אין דעם, האָט נישט אַ חלק אין דער תורה פונעם באַשעפער[ה], עכלה"ק פונעם "חתם סופר".

קומט אויס פון דעם, אַז צוליב דעם דאַרף מען פאַרמערן זיך צו פרייען אין היינטיגן חודש אדר, ווייל ווען דער מענטש גלייבט אַז אין דעם "געלויף" פון זיין לעבן געפינט זיך דער אויבערשטער יעדע מינוט פאַר זיין

---

אויף דער וועלט פון זיך אַליין, און אפי' די גאַנצע טבע ווערט געפירט מיט השגחה פרטית, איז ער זוכה אַז מ'ווייזט איהם אַז אַלעס וואָס קומט פאַר מיט איהם איז ניסים פון הימל.

לויט דעם, קען מען זאָגן אַז אויך ווען דער מענטש 'שלאָפט', ער זעהט נאָר אַ 'בין' (אָדער אַ 'מענטש' וואָס איז ענליך צו אַ בין...) וואָס בייסט איהם, וואַסער וואָס גיסט זיך אויס און דער דאַך פאַלט, זאָל ער זיך שטאַרקן צו גלייבן אין השגחה פרטית פון דעם אויבערשטען, אַז אַלעס ווערט געפירט מיט אַ פונקטליכן חשבון. ער זאָל זיך פאַרזיכערן אויף דעם אויבערשטען אַז נאָר דער ברוך הוא איז דער מסבב כל הסיבות, נאָר ס'איז דאָ אַ ספּעציעלער טעם און אַ גענויער חשבון ביי יעדע זאַך אויף דער וועלט.

**ה.** די משנה זאָגט (מגילה ב.) "מגילה נקראת בי"א, בי"ב, בי"ג, בי"ד, בט"ו, לא פחות ולא יותר". מ'קען לייענען די מגילה אין עלפטן טאָג פון חודש אדר, אין צוועלפטן טאָג פון חודש, אין דרייצנטן טאָג, אין פערצענטן טאָג, און אין פופצענטן טאָג, נישט פריער, און נישט שפּעטער.

פרעגט דער "טורי אבן" (מגילה שם) פאַרוואָס האָט דער תנא געדאַרפט צולייגן די ווערטער "לא פחות ולא יותר"? ער האָט דאָך שוין אויסגערעכנט אַלע טעג ווען מ'לייענט די מגילה, און "מכלל הן אתה שומע לאו", אַז אין די אַנדערע טעג לייענט מען נישט די מגילה.

בדרך רמז, זאָגט דער "ברית כהונת עולם" (מאמר הסתר אסתיר, פ"א) ס'איז באַקאַנט אַז דער שם הוי' ברוך הוא, וואָס באַטרעפט די צאָל 26, ווייזט אויף די אָפענע רחמים פון חסדים פון דעם אויבערשטען. דער שם אדנ"י, וואָס באַטרעפט די צאָל 65, ווייזט אויף אַ הנהגה פון דין ח"ו, אָבער באמת זענען אויך די דינים נאָר חסדים, פאַר די טובה פונעם מענטש, נאָר זיי זענען באַהאַלטן.

דער סך-הכל פון די נומערן 11, 12, 13, 14, און 15, איז 65, באַטרעפט אַזוי ווי דער שם אדנ"י. די צוויי טעג פון פריער און שפּעטער (דער צענטער טאָג, און דער זעכצענטער טאָג פון חודש) באַטרעפן די צאָל 26, אַזוי ווי דער שם הוי' ב"ה. דאָס לערנט אונז, אַז דער סוד פון מגילה לייענען איז די הנהגה פון די וועלט בדרך הטבע, וואָס איז מרומז אין שם אדנ"י. און צוליב דעם לייענט מען "לא פחות ולא יותר" 26- אַזוי ווי דער שם הוי', ווייל אין דער גאַנצער

טובה וועגן, און אַז אויף יעדן שריט און טריט האַלט זיין דערבאַרימדיגער טאַטע זיין השגחה גוטס צו טוהן מיט איהם, פרייט ער זיך ממילא מיט'ן באַשעפער.

די גמרא זאגט (מגילה יא.): "הוא אחשוורוש, הוא ברשעותו מתחילתו ועד סופו". אחשוורוש איז געווען אַ רשע פון אָנהייב ביז'ן סוף.

**איז** שווער, מיר געפינען דאָך אַז אחשוורוש האָט געטוהן אַ סאַך טובות פאַר אסתר המלכה, פאַר מרדכי הצדיק, און פאַר די אידן, און אויפ'ן אויגנבליק זעהט עס אויס ווי נאָר פון אָנהייב איז אחשוורוש געווען אַ רשע, אָבער שפּעטער האָט ער זיך געפירט גוט. אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגן חז"ל אַז אחשוורוש איז געווען אַ רשע פון אָנהייב ביז'ן סוף?

**ענטפערט** דער מהר"ל ז"ל ("אור חדש", מגילת אסתר), אַז בעצם איז אחשוורוש געווען אַ רשע פון אָנהייב ביז'ן סוף, נאָר די אַלע גוטע זאַכן אָדער שלעכטע זאַכן וואָס ער האָט געטוהן מיט די אידן, זענען געקומען פון דעם אויבערשטען, און נישט פון אחשוורוש.

**דער** מהר"ל פירט אויס בזה הלשון: און דאָס טאַקע, ווייל מען דערמאנען ביי דעם אָנהייב פון די מגילה, צו לאָזן וויסן אַז אַלע פּאַסירונגען וואָס ווערן געשילדערט אין די מגילה, זענען געווען פון דעם אויבערשטען[1].

**די** ספרים ברענגען נאָך אין נאָמען פון דעם מהר"ל ז"ל, אויף דעם וואָס חז"ל זאָגן (מגילה טו:) אַז איבעראַל וואו עס שטייט אין דער מגילה דאָס וואָרט "המלך", איז די כוונה צו דעם אויבערשטען, "מלכו של עולם" - דער קעניג פון דער וועלט. איז עס אַ וואונדער, אַז דער נאָמען פון דעם אויבערשטען איז מרומז אין די מגילה דווקא ביי דעם רשע אחשוורוש, און נישט ביי דעם צדיק אחשוורוש?

**ענטפערט** דער מהר"ל, אַז אדרבה, מ'האָט אונז געוואָלט לערנען, מיר זאָלן נישט מיינען אַז דער "פשוט'ער פשט" פון וואָרט "המלך" איז וועגן אחשוורוש, און דער אויבערשטער איז נאָר "מרומז" אינעם פסוק, ווייל דעמאָלס קען מען דאָך באמת פרעגן, פאַרוואָס האָט מען נישט מרמז געווען דעם אויבערשטען אין דעם נאָמען פון אַ צדיק אַזוי ווי מרדכי. נאָר אדרבה, דער פשוט'ער פשט אין "המלך" איז "מלכו של עולם" - דער אויבערשטער ברוך הוא, דער קעניג פון דער וועלט. ער האָט געמאַכט אַלע זאַכן וואָס ווערן געשילדערט אין דער מגילה, און דער "רמז" גייט אויף

---

מגילה ווערט נישט דערמאנט דער שם הוי', וואָס ווייזט אויף אָפּענע ניסים. פון דעם לערנען מיר, אַז אפילו אין אַ צייט ווען די הנהגה איז בהסתר - באַהאַלטן, דאַרף דער מענטש גלייבן אַז דער אויבערשטער קוקט דורך די שפּאַלטן און האַלט זיין השגחה אויף יעדן איד מיט אַ ספּעציעלע ליבשאַפט, און אפילו אויב בשעת מעשה דערקענט מען נישט אַז דער אויבערשטער איז מקדים די רפואה פאַר די מכה, איז עס אָבער אַזוי באמת.

**1.** אין דעם ענין, זאָגן די ספרים אַ טעם פאַרוואָס מ'פאַרשטעלט זיך פורים מיט אַנדערע קליידער, צו ווייזן אַז אַלעס וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט, איז נישט מער ווי אַ "פאַרשטעלונג", און איז באַהאַלטן אונטער אַ מאַסקע. עס דאַכט זיך נאָר פאַר דעם מענטש אַז די זאַך האָט פּאַסירט דורך יענעם, און צוליב יענע סיבה, אָבער באמת איז אַלעס פון דעם "נורא עלילות", דער אויבערשטער פירט די וועלט לויט זיין רצון, צו ערפירן צו דעם תכלית וואָס דער אויבערשטער וויל.

דאָס איז אויך די כוונה פון דעם וואָס חז"ל זאָגן (מגילה ז:) "מיחייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי". דער מענטש איז מחויב זיך אָנצוטרינקען אין דעם טאָג פון פורים, ביז ער וועט נישט וויסן אַ חילוק צווישן "ארור המן" און "ברוך מרדכי". במשך פון גאַנצן יאָר דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער האָט אַ שונא וואָס דערגייט איהם די יאָרן, און ער איז זיין פּערטיות'דיגער "ארור המן". פון דער אַנדערער זייט, האָט ער אַ גוטן פריינט, אַ "ברוך מרדכי", וואָס טוט שטענדיג גוטס מיט איהם. פורים דאַרף דער מענטש דערגרייכן אַ מצב, אַז ער זאָל נישט וויסן דעם חילוק צווישן זיין "ארור המן" און זיין "ברוך מרדכי". עס איז נישט דאַ, נישט אַ שונא, און נישט אַ גוטער פריינט, נאָר אַלעס - סיי די טובות, סיי דאָס פאַרקערטע ח"ו - איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. דער מענטש דאַרף נאָר אויפדעקן דעם הסתר, צו געדענקען אַז סיי דער פּערטיות'דיגער "המן", און סיי דער פּערטיות'דיגער "מרדכי", זענען אַ חלק פון דער הסתרה אין דער הנהגה פון דעם באַשעפער.

אחשורוש, ווייל עס האָט נאָר אויסגעזעהן ווי אחשוורוש טוט עפּעס...

**רבינו** שמשון משאנץ ז"ל שרייבט (אין זיין פירוש אויף תורת כהנים, בחוקותי, ג) "זכור את אשר עשה לך עמלק - שתהא שונה בפיך הלכות מגילה". דו זאָלסט לערנען מיט דיין מויל די הלכות פון קריאת המגילה.

**די** כוונה דערפון איז, ווייל די גאַנצע מגילה איז איין שטיק אמונה אין די השגחה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא אויף זיין וועלט, וואָס ער האָט באַשאַפן מיט די מדה פון רחמים, ווי דער ווילנער גאון זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס וויל זיך שטאַרקן אין אמונה אַ גאַנץ יאָר, זאָל אַריינקוקן אין מגילת אסתר[ז].

**די** גמרא זאָגט (מגילה ד:) "עיניהם של עניים נשואות למקרא מגילה". די אָרימעלייט קוקן אַרויס אויף די צייט ווען מ'לייענט די מגילה צו זאַמלען נדבות. זאָגן די ספרים, אַז דאָס מיינט מען דעם באַקאַנטן "עני" אין די ווערטער פון חז"ל (נדרים מא.) "אין עני אלא בדעת". ווען דער מענטש איז צעטומלט און דער אור פון אמונה "זעצט זיך נישט" אַריין אין איהם ווי ס'דאַרף צו זיין, אויף דעם זאָגן חז"ל עיניהם "נשואות" - פון לשון אויפהייבונג. דער מענטש וואָס איז אָרים אין אמונה, ווערט דערהויבן ווען מ'לייענט די מגילה, ווייל דורך קריאת המגילה ווערט נשפע אויף איהם אַ קלאָרקייט אין אמונה.

**פון** מגילת אסתר, קען מען לערנען אַסאַך הלכות אין די יסודות פון אמונה. מיר לערנען פון די מגילה, אמונה אין השגחה פרטית, אויך ווען עס זעהט אויס ווי אַ "הסתר פנים" ח"ו. אויך קען מען שעפּן חיזוק אין אמונה, אַז פון הימל קומט נישט אַראָפּ שלעכטס ח"ו, נאָר די צרה אַליין איז דער שליסל און דער וועג צו ברענגען די ישועה.

**פון** דער מגילה לערנען מיר אויך וועגן די שטאַרקע השגחה פרטית, ווען עס קומט חלילה אַ צרה אויפ'ן מענטש, אַז דעמאָלס איז דער אויבערשטער גאָר נאָנט צו איהם. אויך זעט מען פון דער מגילה, אַז קיינער קען נישט שלעכטס טוהן פאַר אַ צווייטן, נאָר אויב עס איז אַרויס אַ גזירה דערויף פון הימל אַז ער זאָל איהם עפּעס טוהן.

**אויך** לערנען מיר פון די פסוקים פון דער מגילה, אַז אַלעס וואָס דער מענטש גייט אַריבער אויף דער וועלט, איז מיט אַ פּונקטליכן חשבון. ער וועט נישט האָבן אַפילו אַ טראָפּן צער מער ווי מ'האָט פאַר איהם פאַרשריבן פון הימל.

פרשת זכור - די סגולות פון די שבת בפרט פאַר זרע של קיימא

**דער** ציל פון די קריאה פון היינטיגן שבת, פרשת זכור, איז אויסצומעקן דעם נאָמען און דעם זכר פון עמלק, דורך נעמען אויף זיך דעם עול תורה ומצוות.

**עס** שטייט אין ספה"ק "בית אהרן" (לפורים, סז.) יעדע מצוה וואָס אַ איד טוט, דאַרף ער אין זינען האָבן אַז מיט'ן טוהן די מצוה, זאָל אָפּגעמעקט ווערן דער זכר פון עמלק[ח]. און ווען יעדער איד וועט נזהר זיין צו טוהן יעדע מצוה מיט די כוונה אויסצומעקן דעם זכר

---

**ז.** דער סאַקאַטשוב'ער רבי זי"ע, האָט דערציילט (געברענגט אין ספר "שיח שרפי קודש", ח"ג אות ל) אַז די וואָרקער חסידים האָבן זיך געפירט, צו לערנען אַ גאַנץ יאָר מסכתא מגילה, כדי אָפּצומעקן דעם זכר פון עמלק, ווייל די גאַנצע מגילה איז "איין שטיק השגחה פּרטית".

אגב, דער שינאָווער רב זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר "דברי חנה", לנכדו הרה"ק מקאלאשיץ זצ"ל הי"ד) אַז צו לערנען מסכת' מגילה אַ גאַנץ יאָר, איז אַ סגולה זוכה צו זיין צו יראת שמים.

**ח.** אויפ'ן יסוד פון די ווערטער פון "בית אהרן", פלעגט הרה"צ רבי זלמן בריזעל זצ"ל (מזקני חסידי קארלין אין ירושלים), זיך פירן, יעדעס מאָל ווען ער האָט מקיים געווען אַ מצוה, פלעגט ער זאָגן די ווערטער "ימח שמו" - מיינענדיג דעם רשע עמלק.

איינמאָל ווען ר' זלמן איז אַרויסגעקומען פון מקוה, און האָט זיך אָנגעטוהן און צוגעבונדן די שיך, האָט ער געשריגן ווי צו זיך אַליין "ימח שמו! ימו שמו!...". האָט אַ איד וואָס איז געשטאַנען דערנעבן, זיך זייער דערשראָקן, מיינענדיג אַז עמיצער האָט באַ'עוולט רבי זלמן'ען, און צוליב דעם שעלט ער איהם אַזוי, אָדער אפשר האָט מיט איהם עפּעס פּאַסירט... איז דער איד צוגעגאַנגען צו רבי זלמן און געפרעגט אויב ער קען איהם מיט עפּעס העלפן.

פון עמלק, בין איך זיכער, אַז זיי וועלן גאָר שנעל פּטור ווערן פון אַלע צרות, עבל"ק.

**הרה"ק** רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע שרייבט אין זיין ספר "דברי סופרים" (אות כט, ד"ה "וידוע") אַז ער האָט בקבלה, אַז פרשת זכור, ווען מ'לייענט אין דער תורה דעם פסוק "תמחה את זכר עמלק", ווערט נשפע אין די קדושה אַ ריבוי און אַ הוספה, און אַ שפע פאַר געזונטע לעבטיגע קינדער[ט].

**רבי** צדוק געבט עס צו פאַרשטיין, ווייל חז"ל זאָגן (מגילה ו.) אויפ'ן פסוק (יחזקאל כו, ב) "אמלאה החרבה" - "אם מלאה זו, חריבה זו, אם מליאה זו, חריבה זו". עס איז נישט מעגליך אַז יעקב און עשו צוזאַמען, ביידע זאָלן זיין ברום המעלה. איינס ווענדט זיך אינעם אַנדערן, "כשזה קם, זה נופל". דעריבער, ווען מ'דערמאָנט מחיית עמלק היינטיגן שבת, און מ'בעט פון דעם אויבערשטען צו פאַרמינערן און פאַרלענדן זייער אָנדענק, דאַרפן אידישע קינדער זיך מערן אין צאָל, און אַלע אידן וועלן זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, עבל"ק.

### תענית אסתר - געדענקען אַז אין יעדן דור הערט דער בוכ"ע די תפילה פון יעדן איד

**מ'דאַרף** פאַרשטיין דעם ענין פון תענית אסתר, וואָס חז"ל האָבן באַשטימט דעם דרייצענטן טאָג פון חודש אדר אַלס אַ טאָג צו פאַסטן. לכאורה, גאַנץ רעכט די 4 תעניתים דורכ'ן יאָר, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן אויף די צרות וואָס אידן האָבן מיטגעמאַכט אין יענע צייטן, און מיר ליידן נאָך אַלץ פון די זעלבע צרות, ווייל אַלע צרות קומען דאָך צוליב דעם חורבן בית המקדש, וואָס דער בית המקדש איז נאָך אַלץ נישט געבויט געוואָרן. אָבער תענית אסתר, איז דאָך צוליב דעם וואָס אין די צייטן פון מרדכי און אסתר האָבן אידן געפאַסט כדי געראַטעוועט צו ווערן פון די הענט פון המן הרשע, און מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן פון די צרה, "אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם", און ממילא, וואָס איז די סיבה אַז מיר טוען פאַסטן תענית אסתר.

**דער** "משנה ברורה" (סי' תרפ"ו, סק"ב) פאַרענטפערט די קשיא (און דער מקור פון זיינע ווערטער, איז פון "לבוש"),

---

האָט רבי זלמן געענטפערט רואיגערהייט, אַז עס האָט גאָרנישט פאַסירט, נאָר עס שטייט דאָך אין "בית אהרן", אַז ביי יעדע מצוה דאַרף מען אין זינען האָבן אָפּצומעקן שמו וזכרו של עמלק. דעריבער, יעצט ווען ער בינדט צו די שיך, און ער טוט עס אויף דעם אופן אַזוי ווי עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' ב, ס"ד) האָט ער אין זינען אויסצומעקן דעם נאָמען און דעם זכר פון עמלק פון אונטער דעם הימל, און צוליב דעם האָט ער איהם געשאָלטן אַז מיט דער מצוה, זאָל דער אויבערשטער וואָס פריער אויסמעקן דעם נאָמען פון עמלק פון אונטער'ן הימל...

**ט.** הרה"ק בעל "יסוד העבודה" זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר "תורת אבות") בזה הלשון: "שבת פרשת זכור איז אַ זמן וואָס איז מסוגל פאַר עקרות, געהאָלפן צו ווערן מיט זרעא חייא וקיימא, ווייל ביי רחל זאָגט דער פסוק (בראשית ל, כב) "ויזכור אלקים את רחל", און ביי שרה שטייט אַ לשון "פקידה", ווי דער פסוק זאָגט (שם כא, א) "וה' פקד את שרה" וגו'. אין פרשת זכור, לייענט מען אַ לשון פון געדענקען ("זכור את אשר עשה לך עמלק"), און מ'זאָגט די הפטרה "פקדתי את אשר עשה עמלק לישראל" (ש"א טו, ב).

**י.** בדרך צחות קען מען צוגעבן, די וועלט זאָגט אַ טעם פאַרוואָס היינטיגער שבת ווערט אָנגערופן "שבת זכור", לויט ווי די גמרא זאָגט (מגילה יג:) אַז משה רבינו ע"ה איז געבוירן געוואָרן אין דעם טאָג ז' אדר. קומט אויס, אַז היינטיגער שבת, וואָס איז נאָך דעם זיבעטן טאָג אין אדר, איז געווען משה'ס "שלום זכר", ווי ס'איז איינגעפירט ביי ערליכע אידן צו פראַוון אַ "שלום זכר", דעם ערשטן פרייטאָג צו נאַכטס נאָך דעם ווי אַ קינד ווערט געבוירן ("ים של שלמה", ב"ק פ., סי' לז). וועגן דעם ווערט דער שבת אָנגערופן "שבת זכור".

ענליך ווערט געברענגט, עס איז ידוע אַז נאָך מתן תורה, אין זיבעטן טאָג פון חודש סיון, זענען אַלע אידען געהאָלפן געוואָרן און האָבן געבוירן יונגלעך. לויט'ן חשבון, זענען זיי געבוירן געוואָרן נאָך 9 חדשים, וואָס דאָס מיינט אין זיבעטן טאָג פון חודש אדר אין קומענדיגן יאָר. ממילא, האָבן אַלע אידן געפּראַוועט אַ שמחת "שלום זכר", יענעם שבת, און צוליב דעם ווערט עס גערופן "שבת זכר". על כל פנים, ווי עס זאָל נישט זיין, איז דער זמן מסוגל צו געבוירן קינדער.

אַז אין די צייטן פון מרדכי און אסתר, זענען די אידן זיך צוזאַמענגעקומען אין דרייצנטן טאָג פון חודש אדר מתפלל צו זיין, און זיי האָבן געדאַרפט בעטן רחמים און תחנונים אַז דער אויבערשטער זאָל זיי העלפן זיי זאָלן נקמה נעמען אין זייערע פיינט, און מיר געפינען אַז ווען אידן זענען געווען אין אַ מלחמה, האָבן זיי געפאַסט, ווי חז"ל זאָגן (מכילתא, בשלח, סוף פרק א') אַז משה רבינו ע"ה האָט געפאַסט אין דעם טאָג וואָס ער האָט געהאַלטן מלחמה מיט עמלק, און ממילא, האָט מען אַוודאי אין די צייטן פון מרדכי ואסתר אויך געפאַסט, און דעריבער פירן זיך אַלע אידן צו פאַסטן י"ג אדר, און עס ווערט גערופן "תענית אסתר", אונז צו לערנען אַז מיר דאַרפן געדענקען אַז דער אויבערשטער זעהט און הערט יעדן איינעם אין זיין צרה אויב ער פאַסט און טוט תשובה צום באַשעפער מיט'ן גאַנצן האַרצן, אַזוי ווי ער האָט געטוהן אין יענע תקופה.

**לערנען** מיר פון דעם, אַז דער טעם פון דעם תענית איז כדי איינצוואָרצלען דעם כח פון תפלה אין די הערצער פון אידישע קינדער, אַז אידן זאָלן געדענקען אַז אין יעדן דור הערט דער אויבערשטער די תפילה פון יעדן איד, און האָט רחמנות אויף אידישע קינדער אין אַלע דורות.

**נאָך** אַ טעם פאַרוואָס מיר פאַסטן תענית אסתר, האָט דער "מגיד" געזאָגט צום הייליגן "בית יוסף" זי"ע, ווי עס ברענגט דער "קב הישר" (פרק צ"ז) אַז דער אויבערשטער האַלט זיין השגחה אויף אידישע קינדער, וואָס זיי זענען די נחלה פון באַשעפער, און ער וויל זיי געדעכט מאַכן כדי זיי זאָלן באַקומען אַ גוטן שכר אויף יענע וועלט. ווען עס קומט דער 14'טער טאָג פון חודש אדר, דאַרפן אידן זיין פרייליך צוליב דעם גרויסן נס וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט און המן הרשע און זיינע זין האָבן געהאַט אַ מפלה, און אַזוי אויך די אַנדערע שונאי ישראל, ממילא ווערט עס אָנגערופן אַ שמחה של מצוה.

**וועגן** דעם זאָגן חז"ל (מגילה ז:) "חייב אדם לבסומי בפוריא", מ'איז מחויב זיך אָנצוטרינקען אין פורים[יא]. דאַרף מען דאָך חושש זיין, אַז דורך די גרויסע סעודות און פון די פרייד קען מען חלילה קומען צו זינדיגן, וועגן דעם האָט דער אויבערשטער געהייסן פאַסטן אַ טאָג פריער, ווייל דער תענית איז מסוגל געראַטעוועט צו ווערן דורכ'ן תענית פון דעם חטא, און דער שטן און די קליפות וועלן נישט זיין בכח מקטרג צו זיין חלילה אויף אידישע קינדער, און צוברענגען זיי צו זינדיגן ח"ו דורך די שמחה. דעריבער, ווען מ'זאָגט (סליחות לתענית אסתר) דעם פזמון "במתי"... "שומע תפילה ועבור תיפלה", דאַרף מען אין זינען האָבן מ'זאָל נישט קומען צו זינדיגן ח"ו דורך דעם ריבוי אכילה ושתיה און די שמחה פון פורים, און דורך די סליחות און תחנונים וואָס מיר זאָגן בציבור, זענען מיר מעורר דעם זכות פון מרדכי און אסתר.

**שרייבט** דער "קב הישר" ווייטער: דעריבער דאַרפן די איינוואוינער פון די דערפער, אויך זיין צוזאַמען מיט די הייליגע חבורה אין דעם טאָג פון תענית אסתר, ווייל דער טאָג פון תענית אסתר איז

---

**יא.** דער באַקאַנטער גערער חסיד, רבי נחום זעליג שטיצבערג ז"ל, האָט דערציילט, אַז ער האָט זוכה געווען צו זיין אָנוועזנד ביים לעצטן "טיש" וואָס דער גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, האָט געפירט פאַר דער מלחמה, אין פוילן. אינמיטן די דברי תורה האָט דער רבי געפרעגט, פאַרוואָס האָבן די אידן נישט אָנגענומען דעם טאָג פון פורים אַלס אַ יום טוב, ווי מיר זעהען, אַז פריער זאָגט דער פסוק (אסתר ט, יט) "עושים את יום ארבעה עשר לחודש אדר שמחה ומשתה ומיום טוב", און דערנאָך שטייט (שם כב) "לעשות אותם ימי משתה ושמחה", שטייט דאָרט נאָר "משתה ושמחה", און נישט "יום טוב", ווי די חז"ל זאָגן (מגילה ה:) אַז די אידן האָבן נישט אָנגענומען דעם איסור צו אַרבעטן אין דעם טאָג פון פורים.

האָט רבי זעליג דערציילט, אַז ער האָט נאָר זוכה געווען צו הערן די קשיא, אָבער דעם תירוץ וואָס דער "אמרי אמת" האָט געזאָגט אויף די קשיא, האָט ער נישט זוכה געווען צו הערן (צוליב דעם גרויסן געדרענג ביים טיש). ער האָט נאָר געזעהן אַז דער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט פונעם תירוץ. שפּעטער, האָט מען איבערגע'חזר'ט פאַר איהם דעם תירוץ וואָס דער רבי האָט געזאָגט, אַז וויבאַלד מ'איז מחויב צו טרינקען פורים "עד דלא ידע", קומט אויס אַז דער מענטש האָט נישט דעם דעת אין דעם טאָג, און אָן דעת, קען מען נישט אָנעמען אַ יום טוב.

מסוגל אַז אונזערע תפלות זאָלן אָנגענומען ווערן אין זכות פון מרדכי און אסתר, און יעדער איינער וואָס דאַרף האָבן רחמים אויף אַ געוויסע זאַך וואָס ער דאַרף בעטן דערויף, זאָל ער זיך נעמען צייט אין דעם טאָג פון תענית אסתר, און ער זאָל זאָגן דעם מזמור "למנצח על אילת השחר" (תהלים כב), וואָס די חז"ל דרש'ענען דעם מזמור אויף אסתר המלכה, אַז זי ווערט אָנגערופן "אילת השחר".

**דערנאָך** זאָל ער זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר'ן אויבערשטען, און ער זאָל דערמאנען דעם זכות פון מרדכי און אסתר, אַז אין זייער זכות זאָל דער אויבערשטער איהם העלפן, און ער זאָל פאַר איהם עפענען די טויערן פון רחמים און זיין תפלה זאָל אָנגענומען ווערן ברצון... ער פירט אויס: ווענן דעם דאַרף די הייליגע עדה הערן דעם קול פון די מגילה אין דעם יום טוב פורים, וואָס לעתיד וועלן אַלע ימים טובים בטל ווערן און די טעג פון פורים וועלן קיינמאָל נישט בטל ווערן, און מ'דאַרף דערמאנען דעם זכות פון מרדכי ואסתר, ווייל דער טאָג פון תענית אסתר און דער טאָג פון פורים זענען טעג פון רצון און אהבה. דערפאַר איז גוט מתפלל צו זיין אין דעם טאָג פון תענית אסתר, און דער באַשעפער, דער "שומע תפלה", זאָל אָננעמען ברחמים וברצון אונזערע תפילות, אמן, עכ"ל[יב].

**ויעש המלך כדבר ממוכן - דער יו"ט דאַרף אַ הכנה מער ווי אַנדערע ימים טובים**

**עס** שטייט אין ספה"ק 'בית אהרן' (סט. ד"ה 'ויעש המלך') אויפ'ן פסוק (אסתר א, כא) 'ויעש המלך כדבר ממוכן', לויט ווי ס'איז באַקאַנט אַז איבעראַל וואו עס ווערט דערמאנט אין דער מגילה דאָס וואָרט 'המלך', איז די פנימיות'דיגע כוונה דערפון, דער אויבערשטער - מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. דאָס איז דער רמז אין פסוק: 'ויעש המלך' - דער אויבערשטער געבט פאַר דעם מענטש הנאה צו האָבן און מקבל צו זיין פונעם יום טוב. 'כדבר ממוכן' - לויט די הכנה וואָס דער מענטש מאַכט צום יום טוב.

**הרה"ק** בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (ויקרא א, א) 'ויקרא אל משה'. זאָגט רש"י, 'לכל דברות ולכל אמירות ולכל ציוויים קדמה קריאה, לשון חיבה, לשון שמלאכי השרת משתמשים בו', איבעראַל וואו דער אויבערשטער האָט גערעדט צו משה רבינו ע"ה, האָט ער איהם פריער גערופן, מיט אַ לשון פון ליבשאַפט, וואָס די מלאכים באַנוצן זיך דערמיט, אָבער די נביאים פון די אומות העולם, ווערן נישט גערופן, נאָר ער רעדט צו זיי אויף אַ צייטווייליגן און פלוצלינג'דיגע אופן, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר כג, ד) 'ויקר אלוקים אל בלעם'.

**זאָגט** דער 'חידושי הרי"ם', אַז דער באַדייט פון די 'רופן' איז, 'הכנה'. דאָס הייסט, דער אויבערשטער האָט זיך נישט באַוויזן צו משה פלוצלינג, נאָר משה האָט זיך צוגעגרייט צו די התגלות. דאַקעגן ביי בלעם הרשע, איז די התגלות געווען אָן אַ הכנה פריער, און ווענן דעם איז ער נאָר ווי אַן 'עראי'. עס איז נישט פאַרבליבן ביי איהם דער 'רישומא' פון קדושה פון די התעלות, ווייל אויב דער מענטש מאַכט נישט די ריכטיגע הכנה צו זיין מוכשר און ראוי איינצוזאַפן אין זיך יענע הייליגע השפעה, פעלט די 'כלי' וואָס זאָל האַלטן די ברכה.

**דאָס** איז גילטיג ביי יעדן דבר שבקדושה און ביים טוהן אַ מצוה, אַז מ'דאַרף מקדים זיין די הכנה צו די מצוה[יג], ווי די גמרא זאָגט (תענית יב.) 'כל תענית שלא קיבל עליו מבעוד יום לא שמיה תענית', יעדער

**יב.** דער הייליגער צאַנזער רב זי"ע פלעגט זיצן אין זיין צימער אַ גאַנצן טאָג תענית אסתר, און אויך ווען מ'האָט איהם עפעס געפרעגט, האָט ער געענטפערט קורץ און שנעל, און אַזוי האָט זיך אויך געפירט דער הייליגער באַרדיטשוב'ער רב זי"ע, אַז ער האָט זיך מתייחד געווען אין דעם טאָג מיט'ן באַשעפער, און מ'האָט נישט געקענט רעדן מיט איהם וועגן גשמיות'דיגע ענינים, און צדיקים האָבן געזאָגט, אַז מיט זיין עבודה אין דעם טאָג, האָט דער באַרדיטשוב'ער רב מכניע געווען די קליפות פון אַלע זיבעציג שרי מעלה (וואָס זיי זענען די שרים פון די אומות העולם).

**יג.** איינע פון די עבודות פון די הכנה איז, צוצוגרייטן דעם 'קאָפּ' צו דעם יום טוב, און זיך מתבונן זיין אין דעם פנימיות'דיגן תוכן פונעם יום טוב.

עס ווערט געברענגט אין ספר 'חשבה לטובה', פון הרה"ק רבי העניך פון אלכסנדר זי"ע (מערכת סיפורים), אַ משל, אַ מענטש וואָס איז פון דער נאַטור נישט געווען מסודר'דיג. יעדע נאַכט, ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט

תענית וואָס מ'האָט עס נישט מקבל געווען דעם פריערדיגן טאָג איידער ס'איז געוואָרן נאַכט, ווערט נישט גערעכנט ווי אַ תענית. זעהען מיר פון דעם, אַז די מצוה האָט נישט קיין שום ווערד אויב מ'האָט זיך נישט צוגעגרייט פריער.

ס'איז באַקאַנט, אַז דער ספר 'חיי אדם' איז נישט אַ מוסר-ספר, אָדער פון 'חסידות', נאָר אַלע זיינע ווערטער זענען געשריבן געוואָרן להלכה למעשה... איז כדאי אַראָפּ צו ברענגען זיינע ווערטער, וועגן די וויכטיגקייט פון מאַכן אַ 'הכנה' צו אַ מצוה"ד, שרייבט

---

ער געלייגט זיינע קליידער דאָ און דאָרט, ביז ער האָט ממש 'געזינקען' אין אַ 'תוהו ובוהו'. דאָס האָט איהם זייער געשטערט ווען ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי, ווייל ער האָט געדאַרפט 'איבערדרייען' דאָס הויז 100 מאָל ביז ער האָט געפונען זיינע בגדים. דאָס האָט אויך געפירט דערצו, אַז ער זאָל שפּעטיגן צו דער אַרבעט.

אַמאָל האָט ער זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר איינע פון זיינע ידידים. האָט זיין פריינט איהם געראָטן אַן עצה טובה, אַז יעדע נאַכט זאָל ער נעמען אַ פּאַפּיר און אַ פעדער, און אַראָפּשרייבן גענוי וואו ער האָט געלייגט יעדע זאַך. אַזוי האָט ער געטוהן. די ערשטע נאַכט, האָט ער געשריבן: 'מיין העמד האָב איך געלייגט אויפ'ן טיש. די זאָקן, אויף דער באַנק'. אַזוי האָט ער אויפגעשריבן אַלע זיינע קליידער, און ער האָט אויסגעפירט דעם בריוו: 'מיין קאָפּ, האָב איך געלייגט אויפ'ן בעט', און אַזוי האָט ער זיך געלייגט שלאָפן...

צומאָרגנס אינדערפרי, האָט ער גענומען דאָס צעטל אין האַנט, און ביז עטליכע סעקונדעס האָט ער טאַקע געטראָפן אַלע זיינע בגדים. דערנאָך האָט ער געזעהן אויפגעשריבן אויפ'ן צעטל, 'דעם קאָפּ האָב איך געלייגט אויפ'ן בעט', און ער האָט זיך געוואָנדן צום בעט, אָבער ער האָט דאָרט נישט געטראָפן, נישט זיין קאָפּ, און נישט זיך אַליין... האָט ער זיך גענומען שרייען און קרעכצן: 'וואו בין איך?... וואו איז מיין קאָפּ?... וואו בין איך?...'.

דאָס איז אַ נמשל אויף דעם אופן ווי די מענטשן פירן זיך. אויך ווען זיי מאַכן שוין יאָ אַלע סאָרטן צוגרייטונגען, פונדעסטוועגן, דעם 'קאָפּ' - די הויפּט פנימיות'דיגע נקודה, לאָזן זיי ערגעץ אַנדערש, אַזוי אַז זיי קענען עס נישט געפינען... לאחר המעשה, שרייט ער: 'וואו בין איך, און וואו איז מיין קאָפּ...'.

אויב עס איז אָבער שוין אָנגעקומען דער הייליגער טאָג פון יום טוב פורים, און דער מענטש האָט זיך פאָרט נישט צוגעגרייט דערצו ווי געהעריג, זאָל ער זיך מחזק זיין מיט די ווערטער פון הייליגן ראָפּשיצער רב זי"ע, אין 'זרע קודש' (לפורים, ד"ה 'חייב אדם לבסומי') אויפ'ן פסוק (אסתר ט, כח) 'והימים האלה נזכרים ונעשים'. דער פסוק זאָגט נישט אַ לשון עתיד - 'להזכיר ולעשות', נאָר לשון הוה, נזכרים ונעשים' - עס ווערט דערמאַנט און געטוהן. פון דעם איז משמע, אַז זיי ווערן דערמאַנט פון זיך אַליין, אַפילו אָן די נויטיגע הכנה.

**יד.** חז"ל זאָגן (ב"ר פנ"ו, ג) אַ טעם פאַרוואָס דאָס מעסער מיט וועלכן אברהם האָט געוואָלט ברענגען יצחק'ן אויף די עקידה ווערט אָנגערופן 'מאכלת', ווייל די אידן 'עסן' דעם שכר פון די מעשה העקידה, ביז'ן היינטיגן טאָג. איז שווער, מיר ווייסן דאָך (קידושין לט:) 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא'. מ'צאָלט נישט קיין שכר פאַר אַ מצוה אויף דער וועלט. אויב אַזוי, ווי אַזוי 'עסן' מיר אויף דער וועלט דעם שכר פון עקידת יצחק?

זאָגט דער ווילנער גאון ז"ל, אַז די כוונה איז נישט אַז די אידן עסן פון די פירות פון עקידת יצחק זעלבסט, נאָר זיי באַקומען שכר אויף דער וועלט פון די יגיעה און עבודה וואָס אברהם אבינו ע"ה האָט זיך באַמיט אַרום די מצוה, ווען ער איז געגאַנגען דריי טעג ביז ער האָט געזעהן דעם הר המוריה, און מיט'ן עצם אַרויפברענגען זיין איינציגן זון אויפ'ן מזבח, ווייל אויף די הכנה און די טירחא וואָס דער מענטש האָט איידער ער איז מקיים אַ מצוה, איז דאָ שכר אויך אויף דער וועלט.

וועגן דעם דערציילט אונז די תורה וועגן די אלע צוגרייטונגען און די זריזות וואָס אברהם האָט באַוויזן מקיים צו זיין די מצוה פון די עקידה, ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי און האָט אַליין איינגעשפּאַנט דעם אייזל, און געהאַקט די העלצער פאַר'ן קרבן, כדי אונז צו לאָזן הערן, אַז פון דעם אַלעם עסן מיר די פירות דערפון אויף דער וועלט.

לויט דעם טייטשט דער ווילנער גאון זי"ע דעם פסוק (ישעיה ו, ב) 'יחיינו מיומים ביום השלישי יקימנו ונחיה לפניו'. 'יחיינו מיומים' - אין שכר פון די צוויי טעג וואָס אברהם און יצחק זענען געגאַנגען צו די עקידה - דאָס הייסט, די הכנות וואָס אונזערע הייליגע אבות האָבן געמאַכט צו די מצוה - לעבן אידישע קינדער אויך אויף דער וועלט, אָבער 'ביום השלישי' - דעם שכר פאַר די מעשה פון די עקידה זעלבסט, אויף דעם 'יקימנו ונחיה (נאָר) לפניו' שפּעטער, ווייל 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא'. ('קול אליהו', פרשת וירא, אות טז)

דער 'חיי אדם' (כלל סח, סעיף כה): דער פסוק זאָגט (קהלת ח, ה) 'שומר מצוה לא ידע דבר רע'. די כוונה פון פסוק איז, אַז ווען דער מענטש וויל טוהן אַ מצוה, טאָר ער עס נישט טוהן געאיילטערהייט און פלוצלינג, נאָר ער זאָל וואַרטן. ער זאָל זיך גוט באַטראַכטן אין דער זאַך ווי אַזוי ער וועט עס טוהן וכו'.

**שרייבט** דער 'חיי אדם', אַז דאָס איז אויך די כוונה פון פסוק (שמות יב, יז) 'ושמרתם את המצות'. און אויף דעם האָט מען מייסד געווען צו זאָגן פאַר יעדע מצוה, 'הנני מוכן ומזומן לקיים' וכו', דאָס מיינט, איך בין שוין גרייט. און אויף דעם זאָגט דער פסוק (עמוס ד, יב) 'היכון לקראת אלוקיך ישראל'. דאָס הייסט, דו זאָלסט זיך צוגרייטן פריער און נישט פלוצלינג.

**ער** פירט אויס: איך האָב זיך שוין אַליין אויסגעפּרובט, אַז ווען איך האָב געטוהן אַ מצוה פלוצלינג, האָב איך עס נישט מקיים געווען ווי ס'דאַרף צו זיין, ווענן דעם דאַרף מען זיין זייער געהיטן אין דעם, עכ"ל.

**הרה"ק** רבי יצחק'ל וואָרקער זי"ע זאָגט ('בית יצחק', לפורים) אויף די ווערטער פונעם תנא (מגילה ב.) 'מגילה נקראת בי"א בי"ב בי"ג', (די מענטשן פון די דערפער וואָס האָבן נישט געהאַט ווער ס'זאָל לייענען פאַר זיי בציבור אין פורים, קענען לייענען די מגילה אָנגעהויבן פון 3 טעג ביפאַר פורים עיי"ש).

**זאָגט** דער וואָרקער רבי, פורים איז דאָך געווען אַ בחינה פון 'מתן תורה', ווייל די אידן האָבן דעמאָלס מקבל געווען די תורה מאהבה (שבת פח.), און פונקט ווי ביי מתן תורה האָט מען געגעבן פאַר די אידן די 'שלשת ימי הגבלה', זיך צוצוגרייטן צו קבלת התורה, אַזוי האָט מען באַשטימט דריי טעג פאַר פורים אַלס 'שלשת ימי הגבלה', ווען דער מענטש קען זיך ריכטיג צוגרייטן, אַז ער זאָל זיין צוגעגרייט צו דעם געהויבענעם גרויסן טאָג[טו].

---

הרה"ק רבי העניך פון אלכסנדר זי"ע האָט נאָכגעזאָגט, אין נאָמען פון זלאָטשובער מגיד זי"ע, חז"ל זאָגן (מגילה טז.) אויפ'ן פסוק (אסתר ו, ד) 'והמן בא לחצר בית המלך החיצונה לאמור למלך לתלות את מרדכי על העץ אשר הכין לו', זאָגט די גמרא, מיר האָבן געלערנט אין אַ ברייתא: 'לו הכין' - המן האָט עס אָנגעגרייט פאַר זיך אַליין. פרעגט הרה"ק רבי מיכל'ע זלאָטשובער זי"ע, פאַרוואָס האָט די גמרא געדאַרפט טויטשן דעם פשוט'ן פשט, וואָס מיינט אַז המן האָט אָנגעגרייט דעם בוים אויפצוהענגען דערויף מרדכי'ן, נישט זיך אַליין?

האָט ער געענטפערט, אַז וויבאַלד דער ענין פון 'הכנה' איז שייך נאָר ביי אַ מצוה, און נישט ביי אַן עבירה, ממילא, קען נישט זיין אַז דער בוים איז 'צוגעגרייט' געוואָרן אויפצוהענגען מרדכי'ן, ווייל דאָס איז דאָך אַ גרויסע עבירה... צוליב דעם האָבן חז"ל גע'דרש'ענט די ווערטער 'הכין לו', אַז ער האָט עס צוגעגרייט פאַר זיך, פאַר המן, ווייל אויף אַזאַ מצוה ווי אויפהענגען המן, איז יאָ שייך 'הכנה'. ('חשבה לטובה', פורים)

**טו.** איידער מ'גייט צו נאָנט צו די טעג פון פורים הבאים עלינו לטובה, דאַרף מען געדענקען, אַז די דאָזיגע טעג זענען הייליג, און פאַרמאָגן זיך גרויסע אוצרות. פון הימל האָט מען אונז געגעבן דעם כח אַרויסצונעמען פון די טעג גרויסע השפעות בגשמיות וברוחניות, ממילא, דאַרף יעדער איינער זיך היטן, און כאַפּן די זמנים וואָס מ'גיט איהם.

דער משגיח הגה"צ רבי אליהו אליעזר דעסלער זצ"ל, זאָגט ('מכתב מאליהו', אלול תשרי), דער עושר פאָרט אין אַ 'באַד' כדי זיך צו היילן פון די דאָרטיגע וואַסער-קוואַלן, אָבער דער אָרימאַן וואָס פאַרמאָגט נישט אויף די שפּעזן צו אַזאַ קוראָרט וואו ס'זענען פאַראַן בעדער, גייט אַריין אין אַן אַפּטייק, וואו ער קויפט אַ קליין פלעשל מיט וואַסער פון די וואַסער-קוואַלן. ער שמירט זיך אַרום דערמיט אַביסל דאָ און אַביסל דאָרט, און אַזוי דאַכט זיך איהם ווי ער וואָלט אויך געפאָרן אַהין... דער זעלבע איז, דער 'רייכער מאַן' ברוחניות, ווען עס קומען אָן געהויבענע טעג, גייט ער אַריין מיט'ן גאַנצן גוף און נשמה, אין די 'קוואַלן', און ער היילט זיך גוט דערמיט, אָבער איינער וואָס איז ליידער אָרים ברוחניות, באַגעניגענט ער זיך מיט אַ קליינע התעוררות, ער גיט זיך אַ קליינעם 'שמיר' דאָ און דאָרט, און נישט מער...

מיר דאַרפן זיך גוט מתבונן זיין דערין, ווייל עס איז די צייט צו גיין אויף אַ מדריגה וואָס איז גרעסער פון אונזער השגה. מיט דעם קען מען טייטשן בדרך רמז די ווערטער פון דער גמרא (מגילה ז:) 'קם רבה ושחטיה לרבי זירא'. עס זענען דאָ צוויי וועגן אין עבודת השם. איין וועג איז, ווען דער מענטש לערנט אַסאַך שעה'ן רצופים און דינט

**באַזונדער** וועגן פורים, אַז דער יום טוב דאַרף האָבן אַ 'הכנה' נאָך מער ווי אַנדערע ימים טובים, ווערט געברענגט אין ספרים אַ ראיה פון דער גמרא (מגילה ל.) 'כי היכי דלא תיקדום עשיה לזכירה', מ'זאָל נישט דערמאַנען דאָס 'טוהן' (פורים, מיט די מצוות היום), פאַר'ן 'דערמאַנען' (דאָס לייענען פרשת 'זכור', אַ שבת פריער). דאָס איז אַ זאַך וואָס מיר געפינען נישט ביי אַנדערע מצוות, אַז מ'זאָל מקיים זיין 'זכירה' פאַר'ן טוהן די מצוות. דאָס איז אַ רמז, אַז נאָר דורכ'ן 'דערמאנען' און זיך צוגרייטן פריער, קען מען מקיים זיין די מצוה פון 'עשיה' אין פורים.

שמח וטוב לב - זיך פרייען און שפרינגען מיט שמחה

**"לעשות** אותם ימי משתה ושמחה"[טז] (אסתר ט, כב).

**עם** שטייט אין ספר "אמרי נועם" (הקדמון), פונעם חכם רבי יעקב דילישקאש זצ"ל, אַ רמז אין פסוק (אסתר ח, יג) "להיות היהודים עתודים", מיט אַ וא"ו (אנשטאט "עתידים", מיט אַ יו"ד). ווייל אידן דאַרפן זיין אַזוי ווי די "עתודים" - גרויסע שאָף און רינדער, וואָס שפּרינגען אַרום, אַזוי דאַרפן אידן זיך פרייען און "אַרומשפרינגען" אין דעם טאָג פון פורים"[יז].

די גמרא זאגט (שבת פח.): "הדר קבלוה בימי אחשוורוש". זאָגט דער "שפת אמת", אַז אין די טעג פון פורים

דעם אויבערשטען אויף אַ וואונדערליכן אופן, וואָס ווערט אָנגערופן 'רבה'. דאַן איז דאָ איינער וואָס גייט 'דרגא בתר דרגא', אַ טרעפּל נאָך אַ טרעפּל. ער נעמט אויף זיך צו לערנען לויט זיינע מעגליכקייטן, און אַזוי שטייגט ער העכער און העכער. אַזאַ מדריגה ווערט גערופן 'זעירא' (קליין). פורים איז נישט די צייט צו זיין אַ 'מסתפק במועט', נאָר 'קם רבה', די עבודה אויף אַ גרויסן אופן, 'ושחטיה לרבי זירא' - דער וועג פון קטנות. ער טוט 'שעכטן' דעם אופן פון דינען דעם אויבערשטען צוביסלעך, אויף אַ מדריגה פון 'זירא' ('זעירא'), ווייל עס איז אַ הייליגער טאָג, ווען מ'קען פועל'ן פאַר זיך גרויסע זאַכן, 'נפשי בשאלתי ועמי בבקשתי'.

אין פוילן פלעגט מען זאָגן, די גנבים דרייען זיך ביים פאָרט, וואו די רייכע לייט גייען אַרום מיט פעק פול מיט גאָלד און זילבער. פלעגן די גנבים אַראָפּוואַרפן אַ מטבע אויף דער ערד, און ווען דער עושר האָט זיך אַראָפּגעבויגן אויפצוהייבן די מטבע, און ער האָט אויף אַ רגע פאַרגעסן פון זיינע אוצרות, פלעגן די גנבים אַוועקכאַפּן די גרויסע פעק מיט גאָלד און זילבער און אַנטלויפן. פלעגט מען זאָגן, אַז די דאָזיגע 'קונץ' העלפט נאָר אויב דער עושר איז נישט באַקאַנט מיט די 'שטיק' פון די גנבים, ווייל אויב ער ווייסט וועגן זייערע מעשים תעתועים, ווייסט ער זיך צו היטן פון זיי, און ער איז נישט מסיח-דעת פון זיין פאַק מיט גאָלד און זילבער אַפילו אויף אַ סעקונדע, און אַזוי בלייבט ער מיט זיינע אוצרות.

דער נמשל איז, ווען עס קומען געהויבענע זמנים, וואַרפט-צו דער יצר הרע אַ 'מטבע' צו צעטומלען דעם שכל פונעם מענטש, אַז ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט קליינִיגקייטן, ווי דאָס פאַרשטעלן זיך און אַנדערע זייטיגע ענינים, כדי מ'זאָל פאַרגעסן פונעם עיקר, און נישט אויסנוצן די צייט, און נישט מתפלל זיין פאַר דעם אויבערשטען כראוי וכנכון. דאַרפן מיר אַלזאָ זיך גוט 'אויסקענען' מיט די תחבולות היצר, און זיך גאָר שטאַרק היטן פון איהם.

**טז.** עס שטייט אין ספר "באר שמחה" (פון הרה"ח רבי שמחה בונם נויפעלד ז"ל פון ירושלים, אות שסט) , אַז ער האָט געהערט (י' אדר ב' תשס"ה) פון הרה"ח רבי נח וויינבערג שליט"א, וואָס ער האָט געהערט פון הרה"ח ר' צבי גוטפאַרב נ"י, אַז ווען משפחת גוטפאַרב איז געזעסן שבעה ל"ע נאָך זיין פאָטער הרה"צ רבי יצחק דוד זצ"ל, איז הגאון רבי אפרים זלאזניק זצ"ל געקומען מיט אַ ניחום-אבלים, און דערציילט, אַז רבי יצחק דוד איז אַמאָל געווען ביים בריסקער רב הגאון רבי וועלוועלע זצ"ל, און ער האָט איהם געפרעגט: "וואָס מאַכט מען וועגן מחשבות". האָט דער בריסקער רב איהם געענטפערט: "חסידים טרינקען אַביסל בראָנפען און זיי גייען אַרויס אין אַ טאַנץ... דאָס איז אַ היילונג קעגן מחשבות זרות", און דער בריסקער רב האָט צוגעגעבן: "זיי זענען גערעכט"...

**יז.** פון דעם קען מען פאַרשטיין, אַז כאָטש מ'האָט שוין אַרומגעשמועסט מערערע מאָל וועגן דעם גרויסן כוח פון תפילה אין דעם הייליגן טאָג פון פורים, אַ בחינה פון "מה שאלתך וינתן לך", אָבער דאָס מיינט נישט אַז מ'דאַרף אַרומגייען מיט אַ זאַק און אַש אויפ'ן קאָפּ און שרייען און קלאָגן... נאָר מ'זאָל מתפלל זיין מיט אַ געפיל פון שמחה און מיט אַ שטאַרקע אמונה אַז "כל קויך לא יבושו ולא יכלמו לנצח", און מיט אַ "טענצל" און "שפּרינגערייי" ווי די "עתודים"...

אַ תפילה וואָס קומט מתוך שמחה, האָט אַ גרויסן כוח, ווי עס שרייבט דער "תפארת שלמה" (רמזי פורים, ד"ה "ותשלח"), אויפ'ן פסוק (אסתר ד, ד) "ותשלח בגדים להלביש את מרדכי ולהסיר שקו מעליו, ולא קיבל". דאַרף מען

קען מען מתקן זיין דעם קלקול וואָס איז געמאַכט געוואָרן, און דעריבער איז "הימים האלה נזכרים ונעשים", און צוליב דעם דאַרף מען מענג זיין דעם גוף, און דער זוהר הקדוש זאָגט אַז אין פורים קען מען מתקן זיין דורך דער בחינה פון "עונג", דאָס וואָס מ'טוט אויף אין יום כיפור דורך דעם עינוי, עיי"ש. ממילא, פונקט ווי אין יום כיפור איז פאַרטיג געוואָרן די כפרה און דער אויבערשטער האָט דעמאָלס געזאָגט "סלחתי" - איך האָב זיי שוין מוחל געווען, דורך תשובה וואָס זיי האָבן געטוהן פערציג טעג, וואָס אויף דעם האָט מען באַשטימט חודש אלול צו טוהן תשובה מיראה, אַזוי אין חודש אדר, אַ זמן פון אהבה און שמחה, איז מען זוכה צו תשובה, און דורך דעם וואָס מ'איז מתקן די עשיה. דעריבער איז די מצוה זיך צו פאַרנעמען מיט 'משתה ושמחה'[יח].

**אַוודאי** איז פשוט און מ'דאַרף עס אַפילו נישט זאָגן, אַז פונקט ווי קיינער קען זיך נישט פטר'ן פון די מצוה פון קריאת המגילה, אַזוי קען קיינער זיך נישט פטר'ן פון די מצוה פון משתה ושמחה אין פורים, צו

---

פאַרשטיין, צי דען האָבן פאַר מרדכי'ן געפעלט קליידער אַז אסתר האָט געטראַכט אַז זי דאַרף איהם שיקן קליידער? זי האָט דאָך געזעהן אַז ער האָט זיך בכוונה תחילה ספעציעל אָנגעטוהן אַ זאַק און געלייגט אַש אויפ'ן קאָפּ, אַ זאַך וואָס ער האָט קיינמאָל פריער נישט געטוהן? אויב אַזוי, האָט זי איהם נאָר געדאַרפט פרעגן פאַרוואָס ער טוט אַזוי, און נישט שיקן צו איהם בגדים.

ענטפערט דער "תפארת שלמה", אַז אסתר האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז מרדכי האָט געהערט אַ שווערע און ביטערע בשורה, און אַז דערפאַר האָט ער גענומען אויף זיך צו פאַסטן און פראַווען סיגופים כדי בטל צו מאַכן די גזירה, נאָר זי האָט געהאַלט אַז דאָס איז נישט דער וועג, ווייל אויך אין צייט פון אַ צרה ל"ע דאַרף מען זיך שטאַרקן מיט די מדה פון שמחה, און נאָר דורך שמחה קען מען אַרויסגיין פון אַלע ענגשאַפטן. מרדכי האָט אָבער נישט אָנגענומען אירע ווערטער, ווייל ער איז געווען ביי דער מיינונג, אַז אין אַזאַ עת צרה דאַרף מען מתפלל זיין צום אויבערשטען מיט אַ צובראָכן האַרץ און מיט אַ מרירות הלב. זיי זענען געווען מחולק אין דעם צוגאַנג ווי אַזוי מ'דאַרף צוגיין דערצו צו פועל'ן די ישועה. דער אויבערשטער האָט אָבער מכריע געווען אַז אסתר איז גערעכט, און די השגחה האָט אַזוי צוגעפירט אַז מרדכי זאָל ווערן בשמחה, דורך דעם וואָס המן וועט איהם אָנטוהן די קליידער פונעם קעניג, און ער וועט פאַר איהם אויסרופן, "ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו", און דורך דעם איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די מרירות אין האַרץ פון מרדכי, און ביי די "אתחלתא דגאולה" איז מרדכי אַריינגעקומען אין אַ מצב פון שמחה, וואָס דאָס האָט דערנענטערט די ישועה ווי אַן אויגנבליק, כדי אונז צו לערנען, אַז נאָר דורך שמחה קען מען געראַטעוועט ווערן פון אַלע צרות.

אַזוי זאָגט דער "בן יהוידע" (מגילה טז. ד"ה "ורכיב האי"), אויף דעם וואָס די גמרא זאָגט דאָרט, אַז ווען המן האָט געבראַנגט די קעניגליכע קליידער און דעם פערד פאַר מרדכי, האָט מרדכי זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען, און המן האָט צוגעוואַרט ביז מרדכי האָט געענדיגט דאַווענען. פרעגט דער "בן יהוידע", פאַרוואָס האָט המן - דער רשע מרושע - געוואַרט, און נישט געשטערט מרדכי'ן אינמיטן דאַווענען, כדי אויסצופאָלגן דעם קעניג'ס גזירה תיכף ומיד?

ענטפערט דער "בן יהוידע", אַז המן האָט דווקא געוואַרט, און נישט געזאָגט אַ גוטע בשורה בשעת'ן דאַווענען, ווייל ער האָט געוואוסט אַז אַ תפילה ווען דער מענטש איז טרויעריג, ווערט נישט אָהנגענומען אין הימל, און ער האָט געטראַכט אַז יעצט דאַווענט מרדכי אַוודאי מיט אַ טרויעריגן געמיט. וועגן דעם האָט ער געטראַכט, איך וועל איהם ענדערש נישט איבעררייסן אינמיטן דאַווענען, ווייל אויב איך וועל איהם איבעררייסן און איהם זאָגן די גוטע בשורה אַז אחשוורוש האָט באַפוילן אָנצוטוהן איהם די קעניגליכע קליידער און איהם אַרויפזעצן אויפ'ן קעניגליכן פערד, וועט ער דאַווענען אַ צווייטן מאָל מיט אַ פרייליך געמיט, און אַ תפילה מתוך שמחה שפּאַלט די הימלען. עס איז נישט דאָ אַ "מחיצה" וואָס קען צוריקהאַלטן אַזאַ תפילה פון דערגרייכן דעם כסא הכבוד.

**יח.** עס ווערט געברענגט ("דברי שמואל", פורים) אַז דער גאון בעל 'מעשה רוקח' זצ"ל האָט געוואוינט אין האָלאַנד, אין אַ שטאָט וואָס געפינט זיך אויף אַן אינדזל. אַמאָל איז דאָרט געווען אַ גרויסע פאַרפלייצונג פון וועלים, וואָס האָט ממש פאַרשווענקט דאָס גאַנצע לאַנד, און עס איז געווען אַ חשש פון סכנת נפשות אַז די וועלים זאָלן

**דער** פּאַסצענער רבי, הרה"ק בעל "חובת התלמידים" זצ"ל הי"ד, האָט געזאָגט (אינמיטן ברען פון דער

זאָגן אַז "נישט מיך מיינט מען מיט די מצוה פון זיין פריילך אין פורים"[יט]...

---

ח"ו פאַרלענדן דאָס גאַנצע שפּייז. דער הערשער פון לאַנד האָט געטוהן פאַרשידענע פעולות צו פאַרטרייבן די ווערים פון לאַנד, אבער איז נישט געווען דערפאָלגרייך. האָט ער באַשטימט אַ 'יום תענית', אַ טאָג פון פאַסטן, פאַר אַלע איינוואוינער פון זיין קעניגרייך, אַז אַלע זאָלן מתפלל זיין בטל צו מאַכן די גזירה פון די ווערים. די אידן פון לאַנד האָבן זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייל דער טאָג וואָס דער מושל האָט באַשטימט צו פאַסטן, איז אויסגעפאַלן פורים, און מ'קען דאָך נישט פאַסטן פורים. פון דער צווייטער זייט, אויב דער פירער פונעם לאַנד וועט הערן אַז די אידן פראַווען גרויסע סעודות און זענען פרייליך מיט שמחת פורים, וועט ער זיי שטאַרק באַשטראָפן חלילה.

האָבן די אידן פון האָלאַנד זיך געוואָנדן צום גאון בעל "מעשה רוקח", זיך צו באַראַטן מיט איהם און הערן זיין מיינונג. דער גאון האָט אויסגעהערט זייערע רייד, און גע'פסק'נט אַז מען זאָל נישט פאַרשטערן דעם יום טוב פורים, און מ'זאָל דעריבער בשום אופן נישט פאַסטן. אדרבה, זיי זאָלן עסן און טרינקען און זיך פרייען, כמצוות היום. דער גאון האָט אויך באַפוילן אַז אַלע געוועלבער זאָלן ברייט עפענען זייערע טויערן און אוועקטיילן פון אלעם גוטן, פיש און פלייש, פאַר יעדן איינעם וואָס זוכט צו באקומען שפּייז אומזיסט, און דער מעשה רוקח האָט זיך מתחייב געווען אויסצוצאָלן אַלע הוצאות.

אַזוי איז טאַקע געווען. די גוים פון לאַנד האָבן זיך פאַרזאַמלט אין זייערע תיפלות און האָבן געפאַסט במשך פון גאַנצן טאָג, אָבער די אידן, להבדיל, זענען געזעסן 'משפחה ומשפחה, ועיר ועיר', און געגעסן פון גרויסע סעודות כיד המלך. צומאָרגענס נאָך פורים האָט פאַסירט דער נס, אַז די ווערים זענען פלוצים פאַרשוואונדן פונקט אַזוי ווי זיי זיינען געקומען...

ווען דער מושל פון שטאָט האָט געהערט אַז די אידן האָבן נישט אויסגעפאָלגט זיין באַפעל צו פאַסטן פורים, האָט עס איהם זעהר פאַרדראָסן, און נאָך מער פון דעם איז ער געווען דערצערנט אויף די גרויסע סעודות וואָס די אידן האָבן אָפּגעפּראַוועט ברבים.

וויבאַלד דער מושל איז אָבער געווען אַ גרויסער פאַרעהרער פון די אידן, און באַזונדערס פונעם בעל "מעשה רוקח", און נאָך מער, זעהענדיג אַז צומאָרגענס נאָך פורים האָט פאַסירט דער גרויסער נס און די ווערים זענען פאַרשוואונדן, האָט דער מושל פאַרשטאַנען אַז "יש דברים בגו". איז ער אַריבערגעגאַנגען צום "מעשה רוקח", כדי מברר צו זיין די כוונה דערפון.

ווען ער האָט פאָרגעלייגט פאַר'ן מעשה רוקח זיין פאַרוואונדערונג, האָט דער גאון איהם געענטפערט בטוב טעם און אין אַ געלאַסענעם טאָן, ווי פאָלגענד:

- מיר אַלע ווייסן דאָך און מיר גלייבן, אַז קיין שטראָף ח"ו קומט נישט אויף דער וועלט, נאָר אלעס צוליב די אידן, און דערפאַר, ווען עס קומט פאַר אַן ענין פון צער און יסורים רח"ל דאַרפן די אידן נתעורר ווערן צו תשובה, אומקערן זיך צום באַשעפער ב"ה און צו טוהן זיין הייליגן רצון.

- אין פורים, זענען מיר באַפוילן געוואָרן צו עסן און טרינקען און זיין פרייליך, ממילא, אויב מיר וואָלטן נישט געטוהן דעם באַשעפער'ס ווילן, וואָלטן אונזערע תפילות נישט געענטפערט געוואָרן אין הימל, ווייל דער תכלית פון תשובה איז דאָך נאָנט צו ווערן צום אייבערשטען, און טאַקע דערפאַר ווייל מיר האָבן מקיים געווען בשלימות די מצוה פון זיין פורים בשמחה, און מיט עסן און טרינקען, זענען מיר געראַטעוועט געוואָרן פון די ווערים...

מיר קענען צולייגן, אַז אַסאַך "ווערים" און אַנדערע "קריכעדיגע" זוכן זיך אַריינצוכאַפּן אין האַרץ פון מענטש, בגוף ובנפש... אָבער זיי ווערן אַלע פאַרשווינדן ווען אידן פרייען זיך אין פורים.

**יט.** דער טעלזער ראש ישיבה, הגאון רבי אליהו מאיר בלאָך זצ"ל, האָט זיך באַצייטענס געראַטעוועט פון די צווייטע וועלט מלחמה, אַנקומענדיג קיין אַמעריקע אָנהייב מלחמה, אָבער ער האָט ליידער פאַרלוירן אַ סאַך מיטגלידער פון זיין משפחה אין די ביטערע יאָרן פון חורבן אייראָפּע.

פורים שנת תש"ד, האָט דער ראש ישיבה שטאַרק געטאַנצט און זיך געפרייט, כדת היום: "חייב אדם לבסומי בפוריא". האָט איינער פון די אָנוועזענדע זיך זייער געוואונדערט דערויף, ווי אַזוי קען דער ראש הישיבה זיך פרייען

שוידערליכער צווייטער וועלט מלחמה, וואָס ער האָט שפּעטער אָפּגעשריבן און עס איז שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ספר "אש קודש") בזה הלשון: עס שטייט אין תיקוני זוהר (נז:) אַז פּורים איז אַזוי ווי יום כיפּור. קען מען זאָגן אַז עס איז מרמז, אַז אַזוי ווי אין יום כיפּור, סיי אויב דער מענטש וויל פאַסטן און תשובה טוהן, און סיי ער וויל עס נישט טוהן, אָבער ער טוט עס, ער פאַסט און טוט תשובה, אַזוי ביי שמחת פּורים, נישט נאָר אויב דער מענטש איז פרייליך פון זיך אַליין, אָדער ער איז על כל פּנים אין אַ מצב וואָס ער קען זיך פרייען, דאַרף ער זיך פרייען, נאָר אויך אויב ער איז אין אַ מצב פון שפלות און ער האָט אַ צובראָכן האַרץ, מיט אַ פאַרדרייטן קאָפּ און זיין גייסט איז צעשמעטערט רח"ל, איז עס אַ "חוק" - אַ געזעץ פון הימל, אַז מ'דאַרף אַריינגעמען אין האַרצן כאָטש אַ "ניצוץ של שמחה" - אַ "פונק פון שמחה"[כ].

**מרדכי** הצדיק האָט זיך דערוויסט פון די שווערע גזירה וואָס המן און אחשורוש האָבן גוזר געווען אויף די אידן, און האָט גענומען אויף זיך אַ טרויער און אנגעטוהן אַ זאַק און אש - "וילבש שק ואפר" (ד, א).

---

אַזוי שטאַרק, נאָך דעם ווי ער האָט ליידער פאַרלוירן זיין גאַנצע משפּחה אין די מלחמה, און איז איבערגעבליבן נאָר מיט איין בת יחידה. די אַלע טענץ און געזאַנגען וואָס דער ראש ישיבה פירט דאָ אָן, זענען מסתמא נאָר "למראית עין", אויסערליך, אָבער למעשה איז ער אין זיין האַרץ, מסתמא שטאַרק צובראָכן און פול מיט צער און אבילות.

ווען רבי אליהו מאיר האָט געהערט וואָס יענער האָט געזאָגט, האָט ער אָפּגעשטעלט די טענץ און געזענג, און געזאָגט צו די תלמידים:

- די גמרא זאָגט (מגילה י:) אַז ווען די מצריים זענען דערטרינקען געוואָרן אין ים, האָבן די מלאכים אין הימל געוואָלט זינגען שירה פאַר'ן באַשעפער, האָט דער אויבערשטער זיי געזאָגט: "מעשה ידי טובעין בים, ואתם אומרים שירה?", מיינע באַשעפענישן דערטרינקען זיך אין ים סוף, און איר ווילט זאָגן שירה?

האָט דער טעלזער ראש ישיבה געפרעגט, לכאורה איז שווער, די אידן האָבן דאָך אויך געזאָגט שירה ביים ים סוף, כאָטש עס איז געווען "מעשה ידי טובעין בים", פאַרוואָס האָבן די אידן דעמאָלס יאָ געמעגט זאָגן שירה?

איז דער תירוץ, עס איז באַקאַנט אַז מ'געבט נישט פאַר אַ מלאך צו טוהן צוויי שליחות'ן מיטאַמאָל. ווייל אַ מלאך איז נישט בכוח צו טוהן צוויי זאַכן צוזאַמען, צו זינגען שירה פרייליכערהייט, און אין דער זעלבער צייט, זיין בצער אויף דעם וואָס דעם אויבערשטען'ס באַשעפענישן ווערן דערטרינקען אין ים. אָבער די אידן זענען גרעסער ווי די מלאכים, ווייל זיי קענען זיין אין איין צייט, בשמחה פון איין זייט, און פון די צווייטע זייט, זיין טרויעריג ווי דער מדרש זאָגט (ב"ר פנ"ו, יא) אַז ווען אברהם אבינו ע"ה האָט געברענגט זיין זון יצחק אבינו ע"ה אויף די עקידה, און ער האָט געשיקט זיין האַנט צו נעמען דעם מעסער כדי צו שחט'ן יצחק'ן, זענען אַראָפּגערונען טרערן פון זיינע אויגן, אויף די אויגן פון יצחק, פון זיין טאַטן'ס רחמנות. פונדעסטוועגן, האָט אברהם זיך געפרייט אין האַרץ, אַז ער איז זוכה צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער.

דערפאַר איז די שירה פון די אידן ביים ים סוף יאָ אָנגענומען געוואָרן אין הימל, ווייל פון איין זייט זענען זיי געווען פרייליך און האָבן געלויבט דעם אויבערשטען פאַר דעם גרויסן נס וואָס ער האָט געטוהן מיט זיי, און גלייכצייטיג דערמיט, האָט זייער האַרץ וויי געטוהן אויף דעם וואָס דעם אויבערשטען'ס באַשעפענישן ווערן דערטרינקען אין ים.

דער ראש ישיבה, רבי אליהו מאיר בלאָך ז"ל, האָט אויסגעפירט:

- אויך מיר פירן זיך אַזוי. אונזער האַרץ בלוטיגט טאַקע אויף דעם פאַרלוסט פון אונזער גרויסע פאַמיליע, אָבער אַ איד איז בכוח צו דערהייבן זיך פונעם ווייטאָג און טרויער, און זיין בשמחה.

**כ.** עס שטייט אין ספה"ק "בית אברהם", אַז זיין טאַטע, הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע, האָט דערציילט, אַז הרה"ק רבי ייבי מאוסטראהה זי"ע איז געווען זייער אָרים, און אין דעם טאָג פון פּורים איז געקומען אַ מענטש איהם פרייליך צו מאַכן, און דאָס איז געווען מרדכי הצדיק בכבודו ובעצמו. און ער האָט געזאָגט, אַז מרדכי איז דער "בעל שמחה" אין פּורים, און ער אַליין קומט פרייליך מאַכן יעדן איד וואָס וויל זיין בשמחה.

די שמחה וואָס אידן פרייען זיך אין פּורים, זענען ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון המן און זיין באַנדע.

זאָגט דער "חתם סופר" זי"ע (דרשות, ח"א, קפה:), דער מדרש זאָגט, אַז ווייל יעקב אבינו ע"ה האָט אָנגעטוהן אַ זאַק און אַרויפגעלייגט אַש אויף'ן קאָפּ ווען ער האָט געהערט "טרוף טורף יוסף", האָבן זיינע קינדער געדאַרפט לייגן "שק ואפר" אין דער צייט פון מרדכי הצדיק.

**פרעגט** דער "חתם סופר", פאַרוואָס איז יעקב אבינו געשטראָפט געוואָרן פאַר'ן אָנטוהן אַ זאַק און לייגן אַש? עס איז דאָך דער סדר פון מענטשן צו טרויערן ווען עס פּאַסירט אַזאַ אומגליק רח"ל אַז אַ קינד גייט אַוועק פון דער וועלט ל"ע. ממילא, האָט דאָך יעקב אבינו ע"ה אַזוי געדאַרפט טוהן ביים הערן די טרויעריגע בשורה אַז יוסף, זיין בן זקונים, וועמען ער האָט אַזוי ליב געהאַט, איז פאַרצוקט געוואָרן?

**ענטפערט** דער "חתם סופר", דער פסוק זאָגט (תהלים כב, ב-ד) "רחוק מישועתי דברי שאגתי, אלוקי אקרא יומם ולא תענה, ולילה ולא דומיה לי, ואתה קדוש יושב תהלות ישראל". דער אויבערשטער איז נישט צופרידן ווען דער מענטש שרייט און טוט אָן אַ זאַק מיט אַש אויף זיין פלייצע, ווייל אין "סבלון" (אויסהאַלטונג, אָנצונעמען מיט ליבשאַפט די גזירה פון הימל, אַז אַלעס איז לטובה) פועל'ט מער ווי אַ סאַך תפילות[כא]. צוליב דעם האָט אסתר המלכה צום סוף איינגעלאַדנט המן און געמאַכט אַ סעודה, צו ווייזן אַז זי פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען, אַז זיין ישועה איז נאָנט.

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק, "רחוק מישועתי דברי שאגתי". אַזוי לאַנג ווי איך שריי ("דברי שאגתי"), דאָס הייסט, ער שטאַרקט זיך נישט נאָך זיין תפילה, זיך צו פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען אַז ער וועט אָננעמען זיין תפילה און ער וועט איהם העלפן, נאָר ער בלייבט ווייטער מיט זיין געשריי און געוויין אויף די צרה, "רחוק מישועתי", איז די ישועה ווייט פון אָנקומען, און עס ווערט ח"ו מקוים, "אלוקי אקרא יומם ולא תענה". אויב אָבער "ואתה קדוש יושב תהלות ישראל", ער זיצט און איז מודה צו דעם אויבערשטען, ער דאַנקט איהם, איז ער זוכה צו די ישועה, עיי"ש.

---

הרה"ק רבי יאַנקעלע פשעוואָרסקער זי"ע האָט דערציילט, אין נאָמען פון זיין שווער, הרה"ק רבי איציקל זי"ע, אַז הרה"ק רבי יאָסעלע טאָמאַשובער זי"ע (דער פאָטער פון הרה"ק רבי יהושע'לע טאָמאַשוב'ער זי"ע) איז געוועזן אַ תלמיד פון הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, און אויך פון הרה"ק בעל "בני יששכר" זי"ע. זיין שווער האָט געוואוינט אין אַ דאָרף, וואו ער האָט אַרויסגעדינגען אַ קרעטשמע ביים "פּריץ" -אַזוי ווי ס'איז געווען איינגעפירט אין יענע צייטן.

אַמאָל פורים ביינאַכט, איז רבי יאָסעלע געזעסן ביי די סעודה (עס איז נישט געווען דאָרט אַ מנין אידן) און געזינגען דעם זמר "שושנת יעקב". אינמיטן זינגען, איז דער "פּריץ" פונעם דאָרף געקומען אין דער קרעטשמע, און געזאָגט פאַר רבי יאָסעלע'ס שווער ער זאָל זאָפאָרט אויפהערן זינגען דעם ניגון, ווייל עס שטערט איהם די רוה. איז דער שווער געגאַנגען צו רבי יאָסעלע'ן, און איהם געזאָגט אַז ער זאָל אויפהערן צו זינגען.

אינדערפרי, איז זיין שווער געגאַנגען צום פּריץ און איהם איבערגעבעטן פאַר דעם וואָס מ'האָט איהם געשטערט נעכטן ביינאַכט. דער פּריץ, האָט אָבער נישט געוואוסט בכלל וועגן וואָס זיי אידישער קרעטשמער רעדט... האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דער "פּריץ" וואָס איז אַ נאַכט פריער געקומען צום קרעטשמער בעטן אַז רבי יאָסעלע זאָל אויפהערן זינגען "שושנת יעקב", איז בכלל נישט געווען דער "פּריץ" פונעם דאָרף, נאָר המן הרשע אַליין איז געקומען אין לבוש פונעם פּריץ, אַז דער צדיק רבי יאָסעלע זאָל אויפהערן זינגען "שושנת יעקב"... זעהען מיר פון דעם ווי דער "שושנת יעקב" פון רבי יאָסעלע טאָמאַשוב'ער האָט געשטערט פאַר המן הרשע, און ער האָט געדאַרפט קומען און טוהן פעולות אַז רבי יאָסעלע טאָמאַשוב'ער זאָל אויפהערן זינגען...

**כא.** אפילו אויב דער מענטש ליידט אַ סאַך יסורים רח"ל, זאָל ער נישט ווערן געפאַלן און צובראָכן ביי זיך, נאָר ער זאָל זיך שטאַרקן מיט די ווערטער פון דעם גאון רבי ישעי' פּראַגער זצ"ל (געברענגט אין ספר "חסידים מספרים", תקז), אַז מ'האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס מ'מאַכט נישט אַ ברכה אויף יסורים וואָס זענען ממרק די עוונות פון מענטש. האָט רבי ישעי'לע פּראַגער געענטפערט, אַז מ'מאַכט יאָ באמת אַ ברכה אויך אויף יסורים. יעדן אינדערפרי זאָגט מען די ברכה "שעשה לי כל צרכי", ווייל דער מענטש דאַרף דאָך גלייבן אַז אַלעס איז פאַר זיין טובה, און אַז אין דער צוקונפט וועט ער פאַרשטיין אַז אַלע זיינע ליידן זענען געווען פאַר זיין טובה.

**וועגן** דעם דאַרף דער מענטש זיך שטאַרקן און זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען אַז די הילף וועט קומען אינגיכן, און אין שכר פון די אמונה ווערט ער אויסגעלייזט פון זיין צרה.

**זאָגט** דער "חתם סופר", יעקב אבינו ע"ה האָט געליטן אַ סאַך צרות: צרת עשו, צרת לבן, צרת דינה. ער האָט זיך אָבער שטענדיג געשטאַרקט מיט אמונה אין דעם אויבערשטען, און איז קיינמאָל נישט געוואָרן געפאַלן ביי זיך. אָבער יעצט, הערנדיג די בשורה אַז יוסף איז נישטאָ, האָט ער זייער געטרויערט, ווייל חז"ל זאָגן (געברענגט אין רש"י, בראשית לז, לה) אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געזאָגט, ער האָט געהאַט אַ סימן פון דעם אויבערשטען, אַז אויב קיין איינער פון זיינע קינדער וועט נישט אַוועקגיין פון דער וועלט ביי זיין לעבן, איז ער פאַרזיכערט אַז ער וועט נישט זעהן דעם גיהנום. וועגן דעם איז יעקב געוואָרן אַזוי צובראָכן ביי זיך, און ער האָט אָנגעטוהן אַ זאַק. אבער לויט זיין הויכע מדרגה האָט ער נישט ריכטיג געטוהן, ווייל ער האָט געדאַרפט זיין זיכער און זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען אַז די ישועה וועט קומען. און צוליב דעם האָבן זיינע קינדער געדאַרפט אָנטוהן אַ זאַק מיט אַש אין דער צייט פון מרדכי ואסתר.

**דער** "חתם סופר" פירט אויס: פאַר דעם האָט מען מתקן געווען שמחת פורים, מ'זאָל זיין פריילך פורים, און מ'זאָל קודם לייענען די מגילה איידער מ'פרייט זיך, כדי צו ווייזן דערמיט, אַז די תפלות און בקשות - וואָס אויף דעם האָט מען מתקן געווען צו לייענען די מגילה, האָבן נישט געהאָלפן אַזוי ווייט ווי די שמחה מיט'ן באַשעפער און דאָס פאַרלאָזן זיך אויף זיין ישועה[כב].

**מיר** געפינען אין מגילת אסתר (ה, ו) אַז אחשוורוש האָט געפרעגט אסתר המלכה, "מה שאלתך וינתן לך", און זי האָט געענטפערט (פסוק ח') "יבוא המלך והמן היום וגו' ומחר אעשה כדבר המלך". דאַרף מען

---

**כב.** אין ירושלים עיה"ק האָט פאַסירט די פאָלגענדע מעשה: אַ חשוב'ער יונגערמאַן האָט פאַר יום טוב פסח, נישט געהאַט דעם מינימאַלסטן סכום געלט צו קויפן די צרכי החג, ספּעציעל פאַר די גרויסע הוצאות וואָס דער יום טוב פסח קאָסט אָפּ. די "מעות חיטין" וואָס ער האָט באַקומען איז נישט געווען גענוג. "אין הקומץ משביע את הארי". וואָס נענטער דער פסח האָט זיך אָנגערוקט, איז דער "שלום בית" געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, ביז זיינע בני בית האָט איהם געסטראַשעט, אַז אויב ער וועט נישט ברענגען די נויטיגע "מטעמים", קען ער חלילה... בלייבן אינדרויסן.

מיט אַ צובראָכן האַרץ, איז דער יונגערמאַן געגאַנגען דאַווענען מנחה אין די "שטיבלעך" אין זכרון משה. ביי די ברכה פון "ברך עלינו", האָט ער זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער, און ביים סוף פון שמונה עשרה, נאָך "יהיו לרצון", האָט ער נאָך מתפלל געווען אַז דער אויבערשטער זאָל איהם צושיקן דעם סכום געלט וואָס עס פעלט איהם אויף די הוצאות פון יום טוב. פון גרויס צער און ווייטאָג, האָט ער אַפילו נישט געשפּירט אַז זיין "תפילה בלחש" איז גאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תפילה הויך אויפ'ן קול, און אַלע אַרומיגע האָבן געהערט...

נעבן איהם איז געשטאַנען אַ רייכער איד פון אַמעריקע, וועלכער איז געקומען פאַרברענגען דעם יום טוב פסח אין ארצינו הקדושה. הערנדיג זיין תפילה וואָס איז געווען "יוצא מן הלב", איז דער רייכער אַמעריקאַנער איד צוגעגאַנגען צו איהם נאָכ'ן דאַווענען, און געזאָגט אַז ער האָט געהערט זיין תפילה, און ער וויל איהם העלפן מיט די הוצאות החג. זיי האָבן אָפּגעשמועסט אַ צייט ווען דער יונגערמאַן זאָל אַרויפקומען אין האָטעל-צימער פונעם גביר.

דער יונגערמאַן איז טאַקע געקומען צו דער באַשטימטער צייט, און דער אַמעריקאַנער גביר האָט איהם געגעבן געלט וואָס איז געווען גענוג נישט נאָר פאַר צרכי החג, נאָר ער האָט געקענט שפּייזן זיין פאַמיליע אין משך פון עטליכע חדשים.

אין די שפּעטערדיגע יאָרן, ווען ער האָט איבערדערציילט די מעשה, האָט איינער פון זיינע ידידים איהם געפרעגט, אויב ער האָט כאָטש פאַרשריבן פאַר זיך, דעם אַדרעס פון יענעם עושר, כדי ער זאָל זיך קענען ווענדן צו איהם אַ צווייטן מאָל נאָך הילף, אין פאַל פון אַ נויט... האָט דער יונגערמאַן געענטפערט מיט פאַרוואונדערונג:

- איך האָב זיך דען געוואָנדן צום אַמעריקאַנער עושר? איך האָב זיך דאָך געוואָנדן צום אמת'דיגן 'אַדרעס' - דער גרויסער באַשעפער פון דער גאַנצער וועלט. ער, ברוך הוא, האָט מיר נאָר געשיקט דעם עושר אַלס אַ שליח...

פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט אסתר אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, און זי האָט נישט באַלד געבעטן פאַר זיך, נאָך דעם ווי אחשוורוש האָט איר געזאָגט, "מה שאלתך וינתן לך". אויך דאַרף מען פאַרשטיין, מיט וואָס אסתר געווען זיכער אַז מאָרגן וועט זי קענען אויס'פועל'ן מער ווי זי קען פועל'ן יענעם טאָג?

**האָבן** צדיקים געזאָגט, אַז ווייבאַלד יענעם טאָג איז המן געווען פריליך, ווי דער פסוק זאָגט (פסוק ט') "ויצא המן ביום ההוא שמח וטוב לב", האָט אסתר געוואוסט אַז אין אַ צייט ווען המן איז בשמחה, וועט זי איהם נישט קענען באַזיגן[כג], ווייל אַ מענטש וואָס איז פריליך, קען איהם קיין שלעכטס נישט פּאַסירן[כד]. דעריבער האָט זי זיך איבערגעקליגט און זי האָט איהם איינגעלאַדנט צו קומען מאָרגן, נאָך דעם ווי המן'ס פרייד וועט אַביסל אויסרינען, און דעמאָלטס וועט זי איהם קענען לייכט באַזיגן.

**דאָס** איז אַ גרויסער לימוד פאַר אידישע קינדער. מה דאָך פאַר דעם רשע המן, האָט די מדה פון שמחה געהאָלפן מ'זאָל איהם נישט קענען שלעכטס טוהן, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז די מדה קען העלפן פאַר יעדען איד אין זיין מצב, בטל צו מאַכן אַלע צרות און יסורים, ווי צדיקים האָבן געזאָגט ("דגל מחנה אפרים", ליקוטים, ועוד) אַ רמז אין פסוק (ישעיה נה, יב) "כי בשמחה תצאו". מיט שמחה, ווערט מען געראַטעוועט פון אַלע צרות און יסורים, און מ'גייט אַרויס "מאפילה לאור גדול".

### נזכרים ונעשים - דער נס פון פורים חזר'ט זיך איבער היינטיגע צייטן

**אין** דער מגילה לייענען מיר (אסתר ט, כח) 'והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור' וגו'. האָבן צדיקים געטייטשט, אַז דער פסוק קומט אונז לערנען, אַז די וואונדערליכע גילויים וואָס האָבן פּאַסירט בשעת דעם נס פון פורים, ווי דער אר"י הקדוש זי"ע שרייבט אַז די גרויסע 'הארה' איז נישט געווען אין אַ שבת אָדער אַ יום טוב, נאָר בלויז אין פורים. די דאָזיגע גילויים זענען 'נזכרים ונעשים' אין יעדן דור, יעדעס יאָר פורים. און אויך האַיאָר וועט נתעורר ווערן דער גאַנצער תוקף פונעם נס, פונקט ווי 'בימים ההם בזמן הזה'[כה].

**אַזוי** שרייבט הגה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע ('פרי עץ חיים', פ"ה): דער אויבערשטער וויל גוטס טוהן מיט אונז, און אַריינשיינען פאַר אונז אין יעדן זמן און יעדעס יאָר אין די טעג פון פורים, וואָס דאַן האָט פּאַסירט דער נס, און דעריבער טוט שטענדיג אין די דאָזיגע טעג, אַנטפּלעקט ווערן די הארה פון מרדכי, און עס וועט בלייבן ביי אונז אייביג.

**לויט** דעם טייטשט רבי חיים וויטאַל ז"ל די ווערטער פון חז"ל, אַז אַלע ימים טובים וועלן לעתיד בטל ווערן, אויסער דער יום טוב פורים, ווי דער פסוק זאָגט (אסתר ט, כח) 'וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים, וזכרם לא יסוף מזרעם'.

**אַזוי** שטייט אויך אין תשובות הרשב"א (ח"א, תשובה צג) אַז דער ענין פון פורים ווערט נישט געמאָסטן לויט

---

ממילא, וואָס האָב איך געהאַט צו פרעגן זיין אַדרעס? אויב עס וועט מיר, חלילה וחס, נאָך אַמאָל פעלן געלט, וועל איך זיך נאָך אַמאָל ווענדן צו דעם גרויסן באַשעפער ברוך הוא, און איהם בעטן ער זאָל ערפילן מיין חסרון...

**כג.** הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר זי"ע האָט געזאָגט, פאַרוואָס זעהען מיר אַז "דרך רשעים צלחה", און "רשע וטוב לו", אַ רשע וואָס עס גייט איהם גוט, און פאַר דעם צדיק גייט עס נישט אַזוי גוט. דאָס איז דערפאַר ווייל דער רשע איז שטענדיג בשמחה, און דערפאַר איז ער מצליח.

**כד.** אַזוי ווערט געברענגט (ספר "מאמר מרדכי", פון הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנימער זי"ע) אין נאָמען פון הייליגן קאַרלינער זי"ע, אַז אויב אַ איד גייט אַרום פרייליך צוליב די עצם זאַך וואָס ער איז אַ איד, "האַפּט איך איהם, אַז עס וועט איהם נישט געשעהן קיין שלעכטע זאַך ח"ו, נישט בגשמיות און נישט ברוחניות".

**כה.** דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, האָט געזאָגט, ביי אַלע ימים טובים זאָגן מיר 'זכר ליציאת מצרים', ווייל מ'פראַוועט דעם יום טוב אַלס אַ זכר צו דעם נס וואָס האָט דעמאָלס פּאַסירט, אָבער ביי פורים זאָגט דער פסוק (אסתר ט, כח) 'והימים האלה נזכרים ונעשים', בלשון הוה, בפועל ממש, ווייל יעדעס יאָר ווערט פונדאַסניי נתעורר דער נס בזמן הזה, פונקט אַזוי ווי ס'איז געווען דעמאָלס, 'בימים ההם'. אויך אין אונזער צייט ווערט פאַרווירקליכט 'ונהפוך הוא', כפשוטו, אַז אַלע שווערע און ביטערע גזירות ווערן בטל, און די דינים ווערן נמתק לרחמים ולרצון.

די מעשים פון אידען אין יענעם דור, נאָר אַזוי ווי ס'איז געווען דעמאָלס, ממש אַזוי איז עס בזמן הזה.

**דער** רשב"א ענטפערט דערמיט פאַר דעם שואל, וואָס האָט איהם געפרעגט אויף די ווערטער פון מדרש וואָס זאָגט אַז אַפילו אויב אַלע ימים טובים וועלן בטל ווערן, וועלן די טעג פון פורים קיינמאָל נישט בטל ווערן, ווי דער פסוק זאָגט (אסתר ט, כח) 'וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם'. האָט דער שואל געפרעגט, ווער איז דאָס דער וואָס קען זאָגן אַז עס וועט בטל ווערן ח"ו אַפילו איין וואָרט פון דער תורה, און אַפילו אַן אות, און אַפילו אַ 'קוצו של יו"ד'.

**ענטפערט** איהם דער רשב"א בזה הלשון: חז"ל זאָגן דאָך דאָרט אויך, אַז יום כיפור וועט אויך קיינמאָל נישט בטל ווערן, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא טז, לד) 'והיתה זאת לכם לחוקת עולם'. ממילא איז דאָך נאָך מער שווער, ווייל אויך ביי דעם קרבן פסח, שטייט אין פסוק 'חוקת עולם'... דעריבער קען זיין אַז די כוונה דערפון איז, אַז אויף אַלע ימים טובים האָט דער אויבערשטער ברוך הוא נישט צוגעזאָגט אַז דער חטא וועט נישט גורם זיין אַז זיי זאָלן אַמאָל בטל ווערן, ווי דער פסוק זאָגט (איכה ב, ו) 'שיכח ה' בציון מועד ושבת'. אָבער וועגן פורים, האָט דער אויבערשטער יאָ צוגעזאָגט, ווייל עס שטייט דאָך בפירוש אין מגילת אסתר, 'וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם'. 'לא יעברו ולא יסוף' - ער האָט עס געמאַכט פאַר אַ הבטחה, און נישט אַן אזהרה.

**דאָס** זעלבע איז ביי יום כיפור, די תורה פאַרזיכערט אונז: 'והיתה זאת לכם לחוקת עולם', אַז דער טאָג וועט מכפר זיין די עבירות פון די אידן, אפילו אויב זיי וועלן עס נישט אָפּהיטן. און דאָס איז די מימרא פון רבי, וואָס ער האַלט 'לשיטתו' אויך אין מסכת יומא, אַז יום כיפור איז מכפר סיי אויף די מענטשן וואָס טוהען תשובה באמת, און סיי אויף די מענטשן וואָס טוהען נישט תשובה אין יום כיפור ווי געהעריג. אָבער די ווערטער 'חוקת עולם' וואָס שטייען ביי פסח, זענען אַן 'אזהרה' - נישט אַ 'הבטחה', ווייל דער פסוק זאָגט (שמות יב, יד) 'חוקת עולם תחגוהו ושמרתם לדורותיכם', ע"כ.

**דער** 'שפת אמת' (פורים תר"ס, ד"ה 'והימים') ברענגט אַ ראיה דערצו, פונעם לשון פון די ברכה וואָס חז"ל האָבן מתקן געווען צו מאַכן: 'שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה'. לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין דאָס לשון 'בזמן הזה' - אין דער יעצטיגער צייט. די נסים האָבן דאָך פּאַסירט דעם דרייצנטן טאָג פון חודש אדר, וואָס דאַן האָבן זיי מלחמה געהאַלטן מיט זייערע שונאים, און מיר פייערן דעם יום טוב ערשט אין דעם טאָג ווען זיי האָבן אינגאַנצן גערוהט פון זייערע פיינט.

**זאָגט** דער 'שפת אמת', אלא על כרחך מוז מען זאָגן, אַז 'ימים ההם' - די נסים וואָס האָבן דעמאָלס פּאַסירט, ווערן נתעורר בזמן הזה ווען מיר לייענען די מגילה און מיר זענען מקיים די אַנדערע מצוות היום פון פורים. דאָס הייסט, אַז די כוונה איז נישט 'בזמן הזה' אויף דעם פערצענטן טאָג פון חודש אדר וואָס איז געווען בזמנו, ווייל דאַן האָט דאָך נישט פּאַסירט אַ נס יענעם טאָג, נאָר בזמן הזה 'עכשיו' - יעצט, און האַיאָר[כו].

**כו.** עס ווערט געברענגט אין 'דרכי משה' (או"ח סי' תרצג, סק"ד) אַז אויב מ'דאַרף מל'ען אַ קינד אין דעם טאָג פון פורים, מל'עט מען פריער דאָס קינד, און דערנאָך לייענט מען די מגילה, כדי דאָס קינד זאָל אויך זיין אין דעם כלל פון אַ איד, און מ'זאָל אויך אויף איהם קענען זאָגן דעם פסוק 'ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר'. דאָס הייסט, אַז אַלעס וואָס שטייט אין דער מגילה וועגן די אידן, זאָל חל זיין אויך אויף דעם ניי-געבוירענעם קינד.

זעהען מיר פון די ווערטער פונעם 'דרכי משה', אַז אויך היינטיגע צייטן ווען מ'לייענט די מגילה, פּאַסירט ווייטער אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט אין יענע צייטן, ווייל אויב נישט, פאַרוואָס דאַרף מען מל'ען דאָס קינד פאַר'ן מגילה-לייענען, דער פסוק 'ליהודים היתה אורה' גייט דאָך אַרויף אויף די אידן וואָס האָבן געלעבט אין די צייטן פון מרדכי און אסתר, אלא מאי איז אַ ראיה, אַז די קריאה איז מעורר דעם זמן בפועל ממש. ממילא, גייט דער פסוק 'ליהודים היתה אורה' וגו' אַרויף אויך אויף די 'אידן' ('יהודים') אין היינטיגן דור, און ממילא, קען יעדער איד זוכה זיין אויך היינט צו 'אורה ושמחה וששון ויקר', כפשוטו ממש. דערפאַר טוט מען מל'ען דאָס קינד פאַר קריאת המגילה, כדי אַז אויך אויף איהם זאָלן חל זיין אַלע אורות און ישועות פון די קריאה, און ממילא, דאַרף יעדער

**עס** איז באַקאַנט וואָס עס שטייט אין תיקוני זוהר (נז:) אַז די קדושה פון יום כיפור איז ענליך צו די קדושה פון פורים, און דעריבער ווערט עס אָנגערופן "יום כפורים", מיט אַ "כ"ף הדמיון": "כְּפוּרִים"[כז].

**האָבן** צדיקים (דער הייליגער רוזינער זי"ע, און אַנדערע) געזאָגט, לויט דעם באַקאַנטן כלל (תענית ז.) "מי נתלה במי, הוה אומר קטן נתלה בגדול". דער קלענערער הענגט זיך אָן אויף דעם גרעסערן מענטש. ממילא, אויב יום כיפור איז "כפורים" - אַזוי ווי פורים, קומט דאָך אויס אַז די קדושה פון פורים איז גרעסער ווי די קדושה פון יום הקדוש[כח], וואָס ביי יום כיפור שטייט (יואל ב, יד) "כי גדול יום ה' ונורא מאד ומי יכילנו"[כט].

**נאָך** מער: דער גאַנצער מהות פון יום כיפור וועט לעתיד לבוא געענדערט ווערן, צו ווערן אַ טאָג פון פאַרגעניגן אַזוי ווי פורים, ווי עס שרייבט דער תיקוני זוהר (נז:) "יום כפורים, דעתידין לאתענגא ביה ולשנויי ליה מעינוי לעונג"[ל].

**עס** שטייט אין ספה"ק "אמרי נועם" (חלק המועדים, פרשת זכור, ד"ה "בפסוק וכיפר אהרן"), דער פסוק זאָגט (שמות

---

איינער פון אונז אַרויסנעמען אַ מוסר השכל, נישט צו בלייבן חלילה אינדרויסן פון כלל ישראל, נאָר מ'זאָל זיך אויך אַ'ריינברענגען' אין כלל פון 'ליהודים היתה אורה'...

**כז.** דער ווילנער גאון זצ"ל האָט זיך געפירט צו טרינקען אַסאַך אין משך פון גאַנצן טאָג פורים, און ער האָט געזאָגט אַ טעם דערפאַר, ביי יעדן יום טוב ווערט גע'פסק'ענט "חציו לה'", און "חציו לכם". אַ האַלבער טאָג פון יום טוב דאַרף זיין געווידמעט צו עבודת השם, תורה ותפלה, און די צווייטע העלפט פונעם טאָג דאַרף גענוצט ווערן פאַר די אייגענע גשמיות'דיגע באַדערפענישן. וויבאַלד פורים און יום כיפור האָבן די זעלבע קדושה, איז ער מקיים "חציו לה'", יום כיפור, ווען מ'טאָר נישט עסן און טרינקען, און "חציו לכם" איז ער מקיים אין דעם טאָג פון פורים.

**כח.** אַזוי שרייבט הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע ("פרי צדיק", שמות, פורים א', ד"ה "ואיתא בתיקוני") אַז מ'זאָגט נאָך אין נאָמען פון אונזערע הייליגע רבי'ס, אַז פורים איז אַ בחינה פון יום כיפור, און עס ווערט אָנגערופן "יום כפורים" - "כמו פורים".

זאָגט רבי צדוק הכהן, אַז פונקט אַזוי ווי ביי יום כיפור, איז דער עצם טאָג מכפר אויף די אידן, ווי די גמרא זאָגט "עיצומו של יום מכפר", דאָס זעלבע אין די טעג פון פורים, ברענגט דער "עיצומו של יום" די בחינה פון מחיית עמלק, עס זאָל אינגאַנצן אויסגעמעקט ווערן דער זכר פון דעם רשע עמלק, ווייל דער מענטש דאַרף געדענקען אַז היינט איז יום כיפור, און אַז היינט איז פורים.

**כט.** אין דעם ענין, זאָגן די ספרים אַ טעם פאַרוואָס עס איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין מסכתא מגילה (י:), וואו עס ווערט געשילדערט די מעשה פון אחשוורוש און המן, איז דאָרט אַריינגעשטעלט געוואָרן אויך אַ מימרא פון רבי לוי, "דבר זה מסורת בידינו מאבותינו, מקום ארון אינו מן המדה". דאָס הייסט, דער ארון העדות אין דעם קודש הקדשים, האָט בכלל נישט פאַרנומען קיין אָרט. עס האָט נישט פאַרמינערט דאָס אָרט אינעם קודש הקדשים. פאַרוואָס איז די דאָזיגע מימרא פון רבי לוי געשטעלט געוואָרן דאָ, אין מסכתא מגילה (דער פשוט'ער טעם איז, ווייל עס ווערט געברענגט אגב אַנדערע מימרות פון רבי לוי וואָס ווערן דאָרט צוגעברענגט).

איז דער תירוץ, אַז דאָס קומט מרמז צו זיין, אַז פונקט אַזוי ווי מיר האָבן נישט קיין השגה אין די קדושה פונעם ארון, און דער גאַנצער ענין וואָס "מקום ארון אינו מן המדה", איז נישט פאַרשטענדליך מיט'ן מענטשליכן שכל, אַזוי דאַרפן מיר וויסן, אַז מיר האָבן נישט אַפילו די מינדעסטע השגה אין די קדושה פון פורים, וואָס איז "גבוה מעל גבוה"...

**ל.** דעם געוואַלדיגן כח פון פורים קען מען זעהן פון די ווערטער פון "משנה ברורה" (סי' צ, סקכ"ח) אין נאָמען פון תשובות הרדב"ז, אַז אַן אַרעסטאַנט וואָס מ'האָט איהם ערלויבט צו דאַווענען בציבור איין טאָג אין יאָר (ער קען זיך אויסוויילן וועלכן טאָג ער וויל), זאָל דאַווענען תיכף אין יענעם טאָג, און נישט "פאַרזויערן" די מצוה, צו וואַרטן אויף יום כיפור אָדער פורים, עכ"ל.

דער רדב"ז זאָגט נישט "צו וואַרטן אויף ראש השנה אָדער יום כיפור", נאָר ער זאָגט "צו וואַרטן אויף יום כיפור און פורים"...

ל, י) "וכיפר אהרן על קרנותיו אחת בשנה מדם חטאת הכיפורים אחת בשנה, לכפר עליו לדורותיכם". דער פסוק זאָגט אַ דאָפּלטן לשון, צוויי מאָל די ווערטער "אחת בשנה", ווייל עס זענען דאָ צוויי ספּעציעלע טעג אין יאָר: יום כיפור, ווען עס איז דאָ "מדם חטאת הכיפורים", און דער צווייטער טאָג איז פורים, וואָס ווערט גערופן "אחת בשנה", אויך אָן דעם וואָס מ'זאָל שפּריצן דאָס בלוט, און אויף ביידע ווערן געזאָגט די ווערטער "יכפר עליו לדורותיכם".

**דער** טשאָרטקוב'ער רבי, הרה"ק רבי ישראל זי"ע, ברענגט ("ישמח ישראל", פורים, שנת תרפ"ד) אין נאָמען פון זיין זיידן, דער הייליגער רוזינער זי"ע, וועגן די גרויסקייט פון פורים מער ווי יום כיפור. וועגן יום כיפור, ווייסן מיר אַז עס איז מכפר נאָר אויף דעם מענטש וואָס טוט תשובה (ווי עס איז די שיטה פון די חכמים אין יומא דף פ"ה ע"ב, און אויך רמב"ם הלכות תשובה, פ"א, ה"ג).

**זאָגט** דער טשאָרטקובער רבי, לגבי פורים, זאָגן חז"ל (מגילה ז.) "קיימו למעלה מה שקיבלו למטה". וויבאַלד דאָ אויף דער וועלט ("למטה") האָט מען מקבל געווען אויף זיך צו געבן געלט פאַר יעדן איינעם וואָס בעט געלט - אפילו אויב ער איז נישט ראוי, ווי עס ווערט גע'פּסק'ענט (או"ח סי' תרצד, ס"ג) "אין מדקדקים במעות פורים, אלא כל מי שפושט ידו ליטול נותנים לו". מ'קוקט נישט נאָך ביים טיילן געלט אין פורים (צו זעהן אויב דער מקבל איז ראוי דערצו, אָדער נישט), נאָר יעדער איינער וואָס שטרעקט אויס זיין האַנט צו נעמען געלט, גיט מען איהם. האָט מען אין הימל אויך אָנגענומען די הלכה ("קיימו למעלה"), און דער אויבערשטער איז מוחל די עבירות פון יעדן איד, אין וועלכן מצב ער איז. (ער דאַרף אָבער יאָ זיין אַ "פושט יד", צו וועלן באַקומען די מחילה), אַזוי ווי ער שרייבט "פה למטה קיבלו לתת מתנות לכל דורש בלי הבדל" אונטן (אויף דער וועלט) האָט מען גענומען אויף זיך צו געבן מתנות פאַר יעדן איינעם וואָס בעט, סיי אויב ער איז ראוי דערצו, סיי ער איז נישט ראוי[לא].

**צדיקים** האָבן געזאָגט אַ רמז אין די ווערטער פון פיוט ("שושנת יעקב") "וגם חרבונה זכור לטוב". "חרבונה" איז פון לשון "חורבן". אויך עמיצער וואָס איז חלילה "חרוב" ברוחניות, דערמאָנט מען איהם צום גוטן אין דעם טאָג פון פורים ("דברי שמואל", לפורים)[לב].

---

**לא.** די ספרים שרייבן, אין די יעצטיגע טעג גיט דער אויבערשטער פאַר די אידן אויך אַ "כלי קיבול", אַז זיי זאָלן קענען נעמען פון איהם די שפע וואָס ווערט נשפע אין פורים. עס איז מרומז אין די ווערטער, "כל הפושט" - יעדער איינער וואָס שטרעקט אויס זיין האַנט און ער וויל זיין גוט. "יד נותנים לו" - גיט מען איהם אפילו די "האַנט" - דעם "בית קיבול". און כאָטש דורכ'ן יאָר קען דער מענטש נישט געניסן פון די לעכטיגקייט נאָר אויב ער עפענט אַליין פריער אַ טירל, אַפילו ווי דער שפּיץ פון אַ נאָדל, איז אָבער דער טאָג פון פורים מסוגל אַז אַפילו אָן אתערותא דלתתא, איז דער אויבערשטער משפיע אַ גרויסע שפע אויב דער מענטש האָט אַ רצון צו דערנענטערן זיך צו דעם אויבערשטען, און נישט נאָר דאָס, נאָר מ'קוקט אַפילו נישט נאָך אַז דער רצון זאָל זיין בשלימות און אָן אַ פגם, וואָס דאָס איז אַ גרויסער חסד פון אונזער דערבאַרימדיגן טאַטן אין הימל.

בדרך צחות, קען מען צולייגן, די ספרים זאָגן אַז דער אויבערשטער ברוך הוא איז מקיים די מצוות היום פון "משלוח מנות", און די וועלט פירט זיך צו שיקן דעם "משלוח מנות" אין שיינע כלים, און מ'לאָזט איבער אויך די שיינע כלים ביי דעם צו וועמען מ'שיקט עס (מיט דעם איז פורים אַנדערש ווי אַלע אַנדערע טעג פון יאָר, וואָס געוועהנליך נעמט דער מקבל דעם געקעכטס, און ער שיקט צוריק די כלי צום באַלעבאָס). ממילא, ווען דער אויבערשטער גיט שפע פאַר אידישע קינדער אין פורים, אַלס "משלוח מנות" וואָס דער אויבערשטער איז אויך מקיים, גיט ער זיי צוזאַמען מיט'ן "משלוח מנות", אויך די "כלים", כדי זיי זאָלן קענען איינזאַפּן און איינוואָרצלען אין זיך די אורות פון פורים.

**לב.** עס האָט אונז דערציילט אַ חשוב'ער מרביץ תורה, אַז אין זיין ישיבה האָט געלערנט אַ בחור וואָס איז געפאַלן מטה מטה רח"ל. מ'האָט אַפילו שוין געהאַט אָנדייטונגען אַז דער בחור לייגט נישט קיין תפילין. אין דעם טאָג פון פורים, איז דער דערמאָנטער ראש ישיבה אַריין אין שול, געעפענט דעם ארון קודש, און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין פאַר דעם באַשעפער, ער זאָל זיך דערבאַרימען אויף דעם בחור, פלוני בן פלוני. ביז אַ קורצע צייט, איז דעם בחור'ס האַרץ אינגאַנצן איבערגעדרייט געוואָרן, ממש 'מן הקצה אל הקצה'. ער האָט זיך גענומען לערנען מיט גרויס התמדה, און האָט זיך שוין אַפילו פאַרהערט גאַנצע מסכתות. דער גאַנצער שטאַב פון דער ישיבה לויבט

**אַזוי** טייטשן די ספרים, "כל הפושט יד" - אַפילו אַ "פשוט'ע" האַנט... דאָס הייסט, אויך אַ איד וואָס איז אַ פשוט שבפשוטים און אַ פחות שבפחותים, אויב ער שטעקט אויס זיין האַנט און ער וויל זיך דערנענטערן צו דעם אויבערשטען, "נותנים לו", ווייל מ'קוקט נישט נאָך דעם מהות פון דעם וואָס שטרעקט אויס זיין האַנט, נאָר "כל הרוצה ליטול, יבוא ויטול".

**דער** שינאָווער רב זי"ע זאָגט ("דברי יחזקאל", לפורים, ד"ה "חייב איניש"), אַז אין דעם טאָג פון פורים, האָט יעדער איד דעם זעלבן כח ווי עס האָט געהאַט דער כהן גדול האָט ווען ער האָט זיך געפונען יום כיפור "לפני ולפנים", אין קדשי קדשים.

**ובבוקר אמור למלך - דער כח וואָס מיר פאַרמאָגן, צו 'זאָגן' פאַר'ן קעניג**

**אין** דעם טאָג פון פורים, האָט יעדער איד - אויך דער פשוט'סטער מענטש - אַ כח אַזוי ווי אַ 'צדיק הדור'.

**אַזוי** זאָגט דער 'שם משמואל' (פורים תרע"ז, אור לי"ד אדר, ד"ה 'ובבוקר אמור') אַז מ'קען עס אַרויסלערנען פון פסוק (אסתר ה, יד) 'ובבוקר אמור למלך ויתלו את מרדכי עליו'. פרעגט דער 'שם משמואל', ווי אַזוי האָט זרש געקענט זאָגן פאַר המן אַז ער זאָל 'באַפעלן' פאַר אחשוורוש אַז אינדערפרי זאָל מען אויפהענגען מרדכי'ן אויפ'ן בוים? עס איז דאָך אַ חוצפה צו זאָגן פאַר דעם קעניג וואָס צו טוהן. זי וואָלט ענדערש געדאַרפט זאָגן, אַז אינדערפרי זאָל המן 'בעטן' דעם קעניג צו באַפעלן מ'זאָל אויפהענגען מרדכי'ן אויפ'ן בוים. נאָך מער איז שווער, ווייל המן האָט טאַקע אַזוי געטוהן, ווי דער פסוק זאָגט (אסתר ו, ד) 'והמן בא אל בית המלך החיצונה 'לאמור' למלך לתלות את מרדכי על העץ'. ער איז געווען גרייט צו 'הייסן' דעם קעניג אויפהענגען מרדכי'ן.

**ענטפערט** דער 'שם משמואל', אַז דער אמת איז, אַז דעמאָלס איז המן געווען גרעסער ווי אחשוורוש! ווי די גמרא זאָגט (מגילה טו.) 'גבה המן מאחשוורוש' - המן איז געווען העכער אין ראַנג פון אחשוורוש. אַזוי זאָגט אויך דער ילקוט שמעוני (אסתר רמז תתרנ"ג) אַז אחשוורוש האָט געמאַכט פאַר המן אַ בימה העכער פון זיין אייגענע בימה, און ער האָט געהעכערט המן אין ראַנג מער ווי אַלע מיניסטאָרן, ממילא האָט ער טאַקע געקענט זאָגן פאַר'ן קעניג אַז מ'זאָל אויפהענגען מרדכי'ן, ווייל ער האָט געוועלטיגט אויך אויף אחשוורוש'ן.

**צוליב** דעם, ווען עס האָט פאַסירט אַז 'ונהפוך הוא אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם', און נישט נאָר דאָס, נאָר דאָס הויז פון המן איז געגעבן געוואָרן צו מרדכי'ן, האָבן די אידן באַקומען דעם דאָזיגן כח, אַז פונקט ווי דער רשע המן האָט נישט געדאַרפט בעטן פון אחשוורוש קיין שום זאַך, נאָר ער האָט איהם געקענט באַפעלן אַזוי צו טוהן, אַזוי קען דער מענטש זאָגן אין דעם טאָג פון פורים, פאַר דעם אויבערשטען כביכול, 'מה תעשה, ומה תפעל'[לג], אויף

---

איהם אַלס איינעם פון די בעסטע תלמידים אין ישיבה. ס'איז נישט דאָ פאַר דעם אַן אַנדערע הסבר, נאָר דער פאַקט וואָס דער ראש ישיבה האָט מתפלל געווען פאַר איהם אין דעם געהויבענעם טאָג פון פורים.

**לג.** איין יאָר פורים, האָט אא"ז הרה"ק רבי שמעון נתן נטע מלעלוב זי"ע (אַ זון פון הרה"ק רבי דוד צבי שלמה זי"ע מלעלוב) זיך פאַרשפּאַרט לאַנגע שעה'ן אין דעם טאָג פון פורים. אַ גרויסע עולם האָט געוואַרט אינדרויסן אַריינצוגיין צום רבי'ן מיט 'משלוח מנות', אָבער ער איז נישט אַרויס פון צימער, און נישט געעפענט די טיר. צווישן דעם עולם וואָס האָט געוואַרט, איז אויך געווען החסיד המפואר רבי מתתיהו דייטש ז"ל, און זעהענדיג דעם גרויסן ציבור וואָס וואַרט אַריינצוגיין צום רבי'ן, האָט ער אָנגענומען מוט און געעפענט די טיר, און אַריינגעגאַנגען אל הקודש פנימה. ער האָט זיך פאַרענטפערט אַז ער שטערט דעם רבי'ן, אָבער ער וויל זאָגן דעם רבי'ן אַז אַ גרויסער עולם וואַרט אינדרויסן אַריינצוגיין צום רבי'ן. האָט הרה"ק רבי שמעון איהם געענטפערט מיט אַ געשריי:

- די עבודה פון אַ איד במשך דעם גאַנצן יאָר, קומט פון דעם טאָג פון פורים, צי ווילן זיי דאָס אויך אַוועקנעמען פון מיר...

ער האָט איהם אַלזאָ באַפוילן אַרויסצוגיין פון צימער, און פאַרמאַכן די טיר. אַזוי האָט זיך אויך געפירט אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע. ער האָט געזאָגט אַסאַך תהלים אין דעם הייליגן טאָג, און מיר דאַרפן זיך לערנען פון זייערע מעשים אַסאַך מרבה צו זיין בתפילה ובתחנונים, ווייל דער זמן איז מסוגל מעורר רחמים צו זיין אין הימל אויף אידישע קינדער.

אַן אופן פון אַ 'באַפעל', אַזוי ווי די צדיקים, צדיק גוזר והקב"ה מקיים[לד].

**ממילא** איז דער זמן מסוגל 'אויפצוהענגען' המן און אויסמעקן זיין נאָמען פון אייגענעם הארץ (און אין דעם כלל איז אַלעס, סיי מבטל צו זיין דעם כח פונעם יצר הרע וואָס וויל שטערן דעם מענטש פון דינען דעם אויבערשטען, און סיי בנוגע די צרות און יסורים וואָס שטערן דעם מענטש פון עבודת ה'), אָבער עס קומט מיט אַ 'תנאי קודם למעשה', אַז דאָס זאָגן זאָל זיין נישט 'מן השפה ולחוץ', נאָר דער מענטש זאָל טאַקע גליסטן דערצו, מיט'ן זעלבן שטאַרקן חשק און באַגער ווי המן האָט געהאַט ווען ער האָט באַפעלן אחשוורוש'ן אויפצוהענגען מרדכי'ן. דאַן וועט זיין אמירה טאַקע אויפטוהן. אויף דעם האָבן חסידים געזאָגט, אַז פורים קען יעדער מענטש געהאָלפן ווערן מיט אַלעם וואָס ער דאַרף האָבן[לה].

**דער** 'טור' שרייבט (סי' תרצג): רב עמרם ז"ל האָט געשריבן, אַז עס איז אַ מנהג אין צוויי ישיבות צו מאַכן 'נפילת אפים', ווײַבאַלד עס איז אַ טאָג פון אַ

---

**לד.** לויט דעם יסוד, אַז אין די טעג פון פורים איז יעדער איד בכח צו זיין אין דער בחינה פון 'צדיק גוזר', שרייבט הרה"ק רבי אייזיקל קאָמאַרנער זי"ע, אין זיין ספר 'נדבת פי' (מאמר מותר שקלים, דף ח.) אַז ער האָט בקבלה אַז אין די טעג פון פורים, קען אַפילו אַ קליינע נשמה אַרויפגיין צום היכל פון אַ גרויסן צדיק, אָן אַן אָפּשטעל. אַזוי גייען אַרויף אויך אַלע תפילה צו 'כתר' אָן שום אָפּהאַלט... ער שרייבט: דאָס אַלעס האָב איך מקבל געווען 'בלחישה' (בסוד), און צוליב מיין אהבת ישראל, בין איך געוואָרן אַ 'הולך רכיל', אויסצוזאָגן דעם סוד.

מ'קען זאָגן, אַז דער הייליגער קאָמאַרנער זי"ע האָט מדייק געווען מיט'ן לשון 'ימי הפורים' - די טעג פון פורים, ווייל ביידע טעג, סיי דער פערצענטער טאָג פון חודש אדר, און סיי דער פופצענטער טאָג פון חודש, זענען אין דעם כלל. און נאָך מער, ווייל הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויבער זי"ע האָט געזאָגט, אַז אין שושן פורים קען מען אויס'פועל'ן נאָך מער ווי אין פורים זעלבסט.

**לה.** 'מה שאלתך וינתן לך, ומה בקשתך עוד ותעש' (אסתר ט, יב). לכאורה איז שווער פאַרוואָס אחשורוש געזאָגט 'עוד'. אסתר האָט דאָך נאָך גאָרנישט געבעטן.

ענטפערט הרה"ק בעל 'מראה יחזקאל' זי"ע פון דעעש (הגדה של פסח, ד"ה 'כהא לחמא', אופן ג') ווייל די תפילה אויף זאַכן וואָס דער מענטש דאַרף וויכטיג האָבן, מוז דאָך געענטפערט ווערן ('תוספות יום טוב', ברכות פ"ז, מ"ג, סוף ד"ה 'נברך'). דעריבער, ווען דער מענטש בעט ברויט צו עסן און אַ קלייד אָנצוטוהן, וועט דער אויבערשטער זיכער ערפילן זיין בקשה, אָבער דער מענטש וואָס איז מתפלל אויף עשירות, און גרויסקייט וואָס איז מער ווי דער הכרח, קוקט מען איהם נאָך אין הימל אויב ער איז ראוי דערצו, אָדער נישט. אויף דעם זאָגט דער פסוק 'והיה טרם יקראו ואני אענה, עוד הם מדברים ואני אשמע'. אויב דער מענטש בעט אויף זאַכן וואָס זענען 'טרם' - זאַכן וואָס ער דאַרף האָבן פאַר זיין טאָג-טעגליכע עקזיסטענץ. 'ואני אענה' - וועל איך ענטפערן זיין תפילה. אָבער אויב ער בעט אויף 'עוד' - ער איז מתפלל צו באַקומען זאַכן וואָס דאָס לעבן פון אַ מענטש איז נישט אָנגעוויזן דערין. 'ואני אשמע' - וועל איך הערן און וועגן אויב ער איז ראוי איך זאָל ענטפערן זיין בקשה, אָדער נישט.

לויט דעם, קען מען טייטשט דאָ אין דער מגילה, דעם פסוק 'ומה בקשתך עוד ותעש'. פורים, זענען אָפען אַלע טויערן אין הימל. ממילא, אויב דער וואָס איז מתפלל און ער בעט 'עוד' - איז ער זוכה 'ותעש'. ווייל פורים, קען מען פועל'ן אויך זאַכן וואָס זענען מער ווי דער הכרח פון מענטש, אָן אַ סוף.

לויט דעם קען מען זאָגן אַ כוונה אין די ווערטער פון חז"ל (מגילה ד.) 'חייב אדם לקרות את המגילה בלילה ולשנותה ביום'. דער מענטש איז מחויב צו לייענען די מגילה פורים ביינאַכט, און אַ צווייטן מאָל בייטאָג, און די גמרא ברענגט דערויף דעם פסוק (תהלים כב, ג) 'אלוקי אקרא יומם ולא תענה, ולילה ולא דומיה לי'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס לערנט מען אַרויס פונעם פסוק וואו עס שטייט דאָס לשון 'ולא תענה'... פורים איז דאָך אַן עת רצון, ווען די בקשות פון יעדן מענטש ווערן אָנגענומען אין הימל.

איז דער תירוץ, ווייל פורים איז יעדער איד בכח צו פועל'ן אַזוי פיל, אַז אַלעס וואָס ער וועט נאָר אויס'פועל'ן, וועט גערעכנט ווערן אַזוי ווי ווייניג. אויף דעם ברענגען חז"ל דעם פסוק 'ולא תענה', ווייל וויפיל דער מענטש איז מתפלל אין פורים און ער באַקומט עס, איז עס גלייך ווי מ'וואָלט איהם נישט געענטפערט, ווייל ער האָט געקענט באַקומען נאָך און נאָך, כהנה וכהנה, מיט אַ 'תוספות מרובה על העיקר'.

נס ווען די אידן זענען אויסגעלייזט געוואָרן (פון די גזירה 'להשמיד ולהרוג ולאבד' ח"ו), דאַרפן מיר דעמאָלס בעטן רחמים אַז מיר זאָלן אויסגעלייזט ווערן אין לעצטן גלות אַזוי ווי דעמאָלס, עכ"ל. און כאָטש מיר פירן זיך נישט אַזוי (ווי דער 'טור' אליין פירט אויס דאָרט) דאַרפן מיר כאָטש וויסן, אַז עס איז אַ טאָג פון אַ נס ווען זיי זענען אויסגעלייזט געוואָרן, און מ'קען דעמאָלס מעורר רחמים זיין אַז דער אויבערשטער זאָל אונז אויסלייזן אַזוי ווי דעמאָלס.

ממילא, איז עס אַ 'זמן גרמא' מתפלל צו זיין אין דעם הייליגן טאָג פון פּורים פאַר דעם באַשעפער, ער זאָל ערפילן אַלע אונזערע באַדאַרפן לטובה ולברכה, ווייל די שערי שמים זענען אָפען אין דעם טאָג, אָנצונעמען אונזערע תפילות ברחמים וברצון[לו], ווי עס שרייבט הרה"ק בעל 'אמרי נועם' זי"ע פון דזשיקוב (פּורים, אות יג): אין די טעג פון פּורים שטאַרקן זיך די רחמים און חסדים ביז גאָר הויך.

---

על דרך משל: איינער גייט אויף דער גאַס, און ער באַמערקט אַ גרויסן באַרג פון דיאַמאַנטן שטיינער. דער אייגנטימער פון די שטיינער האָט איהם געזאָגט, אַז ער ערלויבט איהם אָנצופילן זיינע טאַשן מיט די טייערע שטיינער, וויפיל ער קען נאָר טראָגן. אין אַזאַ פאַל, איז אפילו אויב דער מענטש וועט אָנפילן אַלע זיינע טאַשן, און וועט אַוועקגיין פון דאָרט מיט אַ ריזיגן פאַרמעגן, וועט ער זיך אַלץ מצטער זיין אויף דעם וואָס ער האָט נישט מער טאַשן... ווייל דאָרט איז דאָך געבליבן פיל מער ווי ער האָט גענומען. עס איז אין זיינע אויגן גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט גענומען. דאָס זעלבע ווען דער מענטש איז מתפלל און פילט זיך אָן מיט אַסאַך שפע, איז שטענדיג גלייך אַזוי ווי ער האָט נישט באַקומען וואָס ער האָט געדאַרפט, ווייל וויפיל ער וועט נעמען, האָט ער נישט דערגרייכט אַפילו אַ קליינעם טייל פון די שפע וואָס איז באמת צוגעגרייט פאַר איהם.

מיר האָבן געהערט אַ ווערטל, מענטשן זענען געוואוינט צו באַצייכענען אַ 'שלומיאל' (שלימזל) אַלס אַ 'ויזתא מיט אַ לאַנגע וא"ו...'. (דאָס איז אַזאַ ווערטל, על דרך ווי די גמרא זאָגט (מגילה טז:) אַז מ'דאַרף מאריך זיין ביים זאָגן די וא"ו פון 'ויזתא', וואָס די כוונה דערפון איז, איינער וואָס איז נישט 'סתם' אַ 'ויזתא'... נאָר אַ 'ספּעציעלער' 'ויזתא'...). קען מען פרעגן, וואָס האָט דער 'שלימזל' פּונקט מיט דעם 'ויזתא'? אויב מ'וויל איהם באַצייכענען מיט'ן נאָמען פון איינעם פון המן'ס קינדער, קען מען איהם דאָך רופן 'פרמשתא', וכדומה. דאַן וועט ער אויך נישט ווערן ווייניגער 'שלימזל'...

נאָר דאָ שטעקט אַ גרויסער רמז. 'ויזתא' איז געווען דער 'בן זקונים' פון המן הרשע. ממילא, האָט מען איהם אויפגעהאָנגען צום סוף, נאָך אַלע ברידער. ווען ער האָט געזעהן אַז מ'הענגט אויף אַלע זיינע עלטערע ברידער, איינעם נאָכ'ן אַנדערן, האָט ער געדאַרפט 'הייבן פיס' און אַנטלויפן פון דאָרט... דאָס זעלבע איז אונזער טענה צו דעם 'שלימזל'. דו האָסט דאָך שוין געזעהן אין דיינע פריערדיגע מעשים, און פון דיין 'הלוך ילך', וואו עס האָט דיך געפירט... אויב אַזוי, פאַרוואָס האָסטו זיך נישט אַראָפּגעלערנט אַ לעקציע? ממילא, פאַרדינסטו אָנגערופן צו ווערן מיט'ן נאָמען 'ויזתא'... 'שמך נאה לך, ואתה נאה לשמך'...

דאָס איז נוגע פאַר יעדן איינעם פון אונז, אין דעם הייליגן טאָג פון פּורים. 'הנה בא יום ה' הגדול והנורא, פּורים איז אַ וואונדערליכער עת רצון, ווען דער מענטש קען אַנטלויפן פון אַלע זיינע צרות און פּראָבלעמען ברוחניות ובגשמיות. אַלזאָ, בלייב נישט שטיין אויף דיין אָרט, ווי אַ 'ויזתא מיט אַ לאַנגע וא"ו', נאָר זעה צו אַנטלויפן. ראַטעווע זיך מיט אַ תפילה און אַ געשריי פאַר דעם בורא כל עולמים, און דו וועסט געראַטעוועט ווערן.

**לו.** הרה"ק רבי מרדכי'לע פון נאַדבורנא זי"ע, האָט אָנגעזאָגט זיינע קינדער, אַז יעדער בית המדרש וואו מ'זאָגט נישט אויס גאַנץ תהלים אין דעם טאָג פון פּורים, זאָל נישט אָנגערופן ווערן אַ 'נאַדבורנער בית המדרש', ווייל פּורים איז אַ צייט פון רחמים, און דורך תהלים זאָגן קען מען עפענען אַלע טויערן אין הימל.

אויב וועגן אַ גאַנץ יאָר, שרייבט דער 'בית אהרן' (מח. ד"ה 'עוד אמר') אַז דורך זאָגן תהלים 'קען מען אַרויסגיין פון אַלע נאַרישקייט און פון אַלע ענגשאַפטן, און פון אַלע ענדערונגען וואָס קומען אונטער פאַר דעם מענטש', איז דאָך אַוודאי געוויס, 'קל וחומר בן בנו של קל וחומר', אַז אין דעם געהויבענעם עת רצון קען אַוודאי יעדער איינער אַרויסגייען 'מאפילה לאור גדול', און משנה זיין דאָס מזל פון שלעכט צו גוט און שפּאַלטן אַפילו אַ 'מחיצה של ברזל' וואָס איז מפסיק צווישן דעם מענטש און דעם ליבן טאַטן אין הימל.

און אָט איז אַ מעשה וואָס מיר האָבן אַליין געזעהן מיט אַסאַך יאָרן צוריק, אין בעלזער 'שטיבל' אין בני ברק. פּורים ביינאַכט, איז די שול געווען איבערגעפילט מיט אידן, יונגעלייט און בחורים, און עלטערע אידן, וועלכע זענען

**עס** שטייט אין ספה"ק 'פלא יועץ' (להרה"ק רבי מרדכי דוב מהאָרנאָסטייפל זי"ע, לפורים), אַז אין דעם טאָג פון פורים איז אויך די תפילה פון אַ יחיד באַליבט ביי דעם אויבערשטען, און עס ווערט אָנגענומען. אַזוי זעהען מיר אויך פונעם פסוק (אסתר ט, כה) 'ובבואה לפני המלך אמר עם הספר ישוב מחשבתו הרעה' וגו', אַז אויך אויף אַזאַ אופן זענען אירע ווערטער אָנגענומען געוואָרן[לז].

**אַזוי** ווערט געברענגט אין ספה"ק 'סגולת ישראל' (מערכת פ', אות ד') אַז ער האָט בקבלה פון אַ 'גדול אחד זכרונו לברכה', אַז אין פורים איז אַ סגולה אויפצושטיין פרי[לח], און מרבה זיין בתפילה ובקשה פאַר'ן באַשעפער אויף יעדער זאַך - בני חיי ומזוני, און אויך אויף אַנדערע זאַכן, און אויף אַלע זיינע קרובים, ווייל יענער טאָג איז אַ גרויסער עת רצון[לט], און אַלע עולמות זענען בשמחה

---

געשטאַנען און געזאָגט תהלים מיט השתפכות הנפש, אָדער אַנדערע האָבן געלערנט מיט יגיעה און התמדה. אין אַ ווינקל זענען געזעסן אַ חברה יונגע בחורים, און גערעדט 'דברים של מה בכך'.

פלוצלינג האָט דער הויפט פון יענע גרופע - אַן עלטערער בחור, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ גאָר חשוב'ע משפחה אָבער ער האָט זיך געפּלאָגט צו טרעפן אַ שידוך, אַנדערש ווי זיינע ברידער, וועלכע האָבן שוין געהאַט חתונה געהאַט ווען זיי זענען געווען אין זיין עלטער - זיך אָנגערופן צו זיינע חברים: קומט, לאָמיר זאָגן צוזאַמען 'תהלים', און מתפלל זיין צום באַשעפער אין דעם געהויבענעם טאָג. און אַזוי האָבן זיי געטוהן. דער בחור האָט מאריך געווען מיט'ן תהלים-זאָגן ביז'ן עלות השחר, און וואונדער איבער וואונדער: באַלד נאָך פורים איז דער בחור געוואָרן אַ נייער מענטש, און אויך זיין מזל האָט זיך געענדערט צום בעסערן, און ביז אַ קורצע צייט, איז ער געוואָרן אַ חתן מיט דער טאָכטער פון אַ גאָר חשוב'ע און מיוחס'דיגע משפחה, אַ שידוך וואָס זיי האָבן נישט געקענט 'חלומ'ען' וועגן אַזאַ שידוך. ער האָט ב"ה אויפגעשטעלט אַ בית נאמן בית ישראל לשם ולתפארת, און זוכה געווען צו דורות ישרים ומבורכים בלי עין הרע.

**לז.** דער 'פלא יועץ' שרייבט דאָרט, אַז דער טאָג פון פורים אַנטהאַלט אין זיך דריי סגולות: א. אפילו די תפילה פון אַ יחיד ווערט אָנגענומען. ב. מ'זאָל קענען אין זינען האָבן ביים דאַווענען, און עס זאָל זיין 'פיו ולבו שווים'. ג. מ'זאָל זיך קענען רייניגן פון שלעכטע מחשבות.

ער שרייבט, אַז אַלע דריי זאַכן זענען מרומז אין דעם פסוק (אסתר ט, כה) 'ובבואה לפני המלך אמר עם הספר ישוב מחשבתו הרעה'. 'בבואה' איז אַ לשון יחיד (ווען זי וועט קומען און זיך שטעלן פאַר דעם קעניג), מרמז צו זיין אַז אויך די תפילה פון אַ יחיד, האָט אַ חשיבות אין פורים און עס ווערט געענטפערט ברחמים וברצון. 'אמר עם הספר' - מ'זאָל זאָגן די ווערטער פון די תפילה מיט כוונה. 'ישוב מחשבתו הרעה' - דאָס לערנט אונז, אַז מ'קען תשובה טוהן און זיך רייניגן פון אַלע שלעכטע מחשבות.

**לח.** אַזוי שטייט אין ספר 'נוהג כצאן יוסף' (פראַנקפורט שנת תע"ח) אַז פורים אינדערפרי צו שחרית, גייט מען אין שול אַביסל איידער עס ווערט לעכטיג, כדי צו ענדיגן דעם ספר תהלים פון יענעם טאָג ביז'ן נץ החמה, און דערנאָך זאָל מען דאַווענען.

**לט.** עס דערציילט דער בעל העובדא, אַ איד פון אַמעריקע, אַז ווינטער שנת תש"פ, האָט זיין קליינע טאָכטער אָנגעהויבן שפּירן שטאַרקע ווייטאָגן אין בויך, און מ'איז געגאַנגען מיט איר צו עטליכע דאָקטוירים. איינער האָט געזאָגט אַזוי, און דער צווייטער האָט געזאָגט אַזוי. דער 'צד השוה' צווישן אַלע דאָקטוירים איז געווען, אַז זיי האָבן גאָרנישט געקענט אויפטוהן. אַרום די טעג פון פורים, זענען די עלטערן געגאַנגען מיט'ן קינד צו אַ גרויסן דאָקטאָר, וואָס האָט איר געמאַכט אַ בלוט טעסט, און ער איז געקומען צו דער מסקנא אַז עס פעלט אַ געוויסער 'באַשטאַנדטייל' אין איר בלוט. הערנדיג די ווערטער פונעם דאָקטאָר, האָבן די עלטערן זיך דערשראָקן מיט'ן ערגסטן ח"ו... אָבער דער דאָקטאָר האָט זיי איינגעמאַלדן, אַז ווי עס ווייסט אויס ליידט דאָס מיידל פון אַ קראַנקהייט וואָס רופט זיך 'צעליאַק' (די קישקעס קענען נישט פאַרדייען אַ געוויסן סאָרט 'גלוטען', וואָס געפינט זיך אין מאכלים וואָס זענען געמאַכט פון קאָרן), און פון יעצט און ווייטער, טאָר זי דעריבער נישט עסן מאכלים וואָס קומען פון קאָרן. ער האָט אָבער נישט געוואָלט זאָגן אויף זיכער, און ער האָט זיי דעריבער געשיקט זיך דורכרעדן מיט אַ גרויסן פּראָפעסאָר אין מאַנהעטן, וועלכער איז אַ 'יחיד מומחה' אויף דעם געביט. ער האָט זיי געגעבן דעם 'אַפּאָינטמענט' אויף חודש אייר. די מאמע פון דעם קינד האָט זיך זייער גענומען צום האַרצן ביים הערן אַזאַ נייעס, איז זי אויפגעשטאַנען פורים פּאַרטאָגס, און אויסגעזאָגט גאַנץ ספר תהלים פאַר די רפואה פון איר טאָכטער.

ווען עס איז געקומען דער טאָג ווען זיי האָבן געהאַט דעם 'אַפּאָינטמענט' ביים דאָקטאָר, האָט מען זיך פאַרבונדן מיט זיי פונעם דאָקטאָר'ס אָפיס, און מ'האָט זיי געגעבן פאַרשידענע אָנווייזונגען. צווישן אַנדערע האָט מען זיי געזאָגט, אַז צוליב דער 'קאוויד ווירוס' האָט זיך זייער פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער וועלט, קענען דעריבער נישט קומען צוויי מענטשן מיט'ן קינד, נאָר איינער. זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טוהן (צוליב פאַרשידענע סיבות, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז ביידע עלטערן מוזן גיין צום דאָקטאָר מיט'ן קינד). און אָט האָבן די עלטערן זיך דערמאנט, אַז שוין אַ לענגערע צייט, זינט פורים, האָט דאָס קינד זיך בכלל נישט אָפּגערעדט וועגן אירע בויך ווייטאָגן. האָבן זיי טעלעפאָנירט צום ערשטן דאָקטאָר (וואָס האָט זיי לכתחילה געשיקט צו יענעם פּראָפעסאָר אין מאַנהעטן) זיך אַדורכצורעדן מיט איהם. האָט דער דאָקטאָר זיי געזאָגט אַז ער געדענקט נישט דעם פאַל, וועט ער איבערקוקן זיינע ליסטעס. נאָכ'ן איבערקוקן די פּאַפּירן, האָט דער דאָקטאָר זיי געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט נישט וואָס זיי רעדן... ער קוקט יעצט אַריין אין די רעזולטאַטן פון יענעם בלוט טעסט, און אַלעס איז אין בעסטן אָרדענונג... זי האָט נישט אין איר קערפּער אַפילו אַ צייכן פון דער דאָזיגער אָדער אַן אַנדערער קראַנקהייט... ער האָט צוגעגעבן, אַז אויב זי שפּירט זיך גוט, זאָל זי אַזוי אָנגיין ווייטער געזונטערהייט...

דער בעל העובדא, דער פאָטער פון דעם קינד, פירט אויס די מעשה מיט התרגשות: איך האָב פאַר מיינע אויגן דעם דאָקומענט וואו עס שטייט בפירוש געשריבן אַז דער דאָקטאָר שיקט אונז צו דעם גרויסן פּראָפעסאָר אין מאַנהעטן (און ער האָט אונז אַפילו אַריינגעשיקט אַ קאָפּיע פון דעם דאָקומענט), און דער זעלבער דאָקטאָר טענה'ט יעצט אַז אַלעס איז אין אָרדענונג... אין הימל בין איך נישט געווען, אָבער ס'איז נישט קיין ספק, אַז דאָס 'תהלים זאָגן' פון פורים פאַרטאָגס, האָט דאָרט 'געמאַכט אָרדענונג'...

אַן ענליכע פּאַסירונג, האָבן מיר געהערט פון הרה"ח ר' שמואל יואל מיללער נ"י פון וויליאַמסבורג, אַז צוויי יאָר צוריק (שנת תשפ"א) איז ער געגאַנגען אויף דער גאַס, וואו אין די זייטן פונעם וועג זענען געווען בערג מיט איבערבלייבענישן פונעם שניי. פּלוצלינג איז ער אומגעפאַלן און זיך שטאַרק צעקלאַפּט. ער האָט אַפילו צובראָכן דעם קנעכל פון זיין פוס. מ'האָט איהם שנעל אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, וואו די 'עקסרעיס' האָבן געוויזן אַז עס איז צובראָכן אויף צוויי ערטער ל"ע. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף וואָס פריער אָפּערירן דעם פוס, כדי ער זאָל זיך קענען היילן, און מיט דער צייט זאָל ער נאָך קענען גיין אויף ביידע פיס כאחד האדם... ער האָט שווער מקבל געווען די גזירה פון הימל, אָבער ער האָט פאָרט געגלייבט באמונה שלימה אַז אַלעס איז לטובה פאַרן מענטש.

אַלזאָ, מ'האָט אָפּגעשמועסט צו מאַכן די אָפּעראַציע מאָנטאָג נאָך פורים, וואָס איז יענעם יאָר געווען אין אַ פרייטאָג. אין דעם טאָג פון תענית אסתר, האָט ר' שמואל יואל גערעדט מיט זיינס אַ ידיד אין ארץ ישראל, און איהם דערציילט די גאַנצע מעשה וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט. האָט יענער איהם געזאָגט, אַז ער איז ערשט געווען ביי אַ 'שיעור הכנה' לכבוד פורים, און ער האָט געהערט די מעשה וואָס מיר האָבן געברענגט אויבן, אַז אַ מוטער האָט זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ מיט'ן אויסזאָגן גאַנץ תהלים פורים פאַרטאָגס, און זי איז געהאָלפן געוואָרן. האָט ר' שמואל יואל זיך אַוועקגעזעצט זאָגן תהלים אין דעם טאָג פון תענית אסתר, און צומאָרגנס פורים, האָט ער נאָך אַמאָל געענדיגט גאַנץ תהלים, בעטנדיג דעם באַשעפער פאַר אַ רפואה שלימה במהרה אָן יסורים און ווייטאָגן.

אַ טאָג נאָך פורים, איז ר' שמואל יואל געגאַנגען צו אַן אַנדערן דאָקטאָר, וואָס ער האָט געמיינט (אַזוי האָבן מענטשן איהם געזאָגט) אַז יענער וועט איהם לייכטער מאַכן און וועט זאָגן אַז ער דאַרף נישט אַדורכגיין די אָפּעראַציע, אָבער אויך יענער דאָקטאָר האָט איהם אויסגעלאַכט ווען ער האָט געזעהן די 'עקסרעיס' וואָס מ'האָט גענומען פאַר פורים... אָבער ווען ער האָט נאָך אַמאָל איהם באַטאַפּט (מיט די הענט) איז זיין געזיכט געוואָרן 'ווייס ווי קאַלך', און געמוזט מודה זיין אַז דאָ האָט פּאַסירט אַ וואונדערליכער נס, מ'דאַרף נישט אָפּערירן. מ'קען איהם געבן אַ לייכטע באַהאַנדלונג...

דער דאָקטאָר האָט אויך 'געפונען' אַ הסבר פאַר דעם טעות פונעם ערשטן דאָקטאָר און אויך פון די עסקנים, זאָגנדיג, אַז זיי האָבן געלייענט דעם 'עקסרעי' אויף איין וועג, און באמת איז דאָ נאָר דאָ איין בראָך. דער סוף איז געווען, אַז דער פוס איז געוואָרן אויסגעהיילט אויף אַ ניסים'דיגן אופן, און אויך די 'פיזיאָטעראַפּיע' וואָס ער האָט געמאַכט שפּעטער, האָט געטוהן זייער פעולה מיט אַ געוואַלדיגע שנעלקייט, נישט אויף אַ נאָרמאַלן וועג.

וברצון, און אויף דעם זאָגן חז"ל 'כל הפושט יד נותנין לו'. און אַזוי איז מקובל פון די גדולי הצדיקים, תלמידי הבעל שם טוב זי"ע[מ].

**עס** איז טאַקע כדאי זיך צו שטאַרקן ביתר שאת וביתר עוז, אויסצונוצן די צייט מיט תפילות און תחנונים פון טיפן האַרצן פאַר דעם אויבערשטען, ווי עס האָט געזאָגט מיט אַ 'פייער', דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, ביי אַ 'טיש' וואָס ער האָט געפירט פורים, אַז וועגן דעם זאָגט דער פסוק (אסתר ח, ג) 'ותבך ותתחנן לו' (דער פסוק זאָגט נישט, ותבך 'ותחנן' לו, נאָר 'ותתחנן'), ווייל זי האָט איבערגעדרייט איר גאַנצן מהות צו איין חטיבה פון דאַוונען. זי האָט 'זיך' געבעטן צו זיין 'לו' - צו איהם, זי האָט געוואָלט זיין נאָנט צו דעם אויבערשטען ברוך הוא, און דער טאָג פון פורים איז צו דעם מסוגל ('עבודת פנים', הנדפס מחדש, עמוד ריג, עיי"ש).

**על מקרא מגילה - די הייליגע זמן און גרויסע קדושה ביי קריאת המגילה**

די צייט פון מגילה-לייענען איז אַ זמן פון "רעוא דרעוין". די עצם קריאה, דאָס לייענען די מגילה, איז מעורר גרויסע רחמים און חסדים אין הימל, און די גאַנצע שפע

---

ער פירט אויס: איך ווייס נישט קיין 'פשט' אין די אַלע טעותים פון די 'עקסטרעיס', אָבער ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער ספר תהלים וואָס איך האָב אויסגעזאָגט אין דעם טאָג פון פורים, איז געווען די גוטע און ריכטיגע 'באַהאַנדלונג' פאַר'ן פוס...

אגב, גיט ער צו, אַז פיר וואָכן שפּעטער איז ער ווידעראַמאָל אומגעפאַלן און זיינע קנעכל זענען ווייטער געוואָרן שטאַרק צעקלאַפּט. אין זיין בהלה, איז ער שנעל געגאַנגען מאַכן אַן 'עקסרעי', און ווען דער דאָקטאָר האָט געזעהן די בילדער, האָט ער איהם געפרעגט ווי לאַנג ס'איז שוין פון יענעם פריערדיגן פאַל (פאַר פורים). ווען ער האָט איהם געענטפערט אַז ס'איז קוים פיר וואָכן, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז די עקסרעיס ווייזן ווי עס וואָלט שוין אַריבער זעקס אָדער מער וואָכן פון דעמאָלס, וואָס דאַן האָט ער נישט וואָס חושש צו זיין...

**מ.** די ספרים זאָגן בדרך רמז אויף די ווערטער פון חז"ל (מגילה ה.) אַז רבי האָט איינגעזייעט אַ 'נטיעה של שמחה' אין פורים. געווענליך, איז די צייט ווען מ'זייט איין קערנדלעך פאַר תבואה, נישט אַ צייט פון שמחה, ווייל עס איז דאָך מעגליך אַז די תבואה וועט נישט וואַקסן און שפּראָצן. ערשט ווען מ'שניידט די תבואה און מ'נעמט עס אַריין אין הויז, דאַן פרייט זיך דער מענטש, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קכו, ה) 'הזורעים בדמעה ברנה יקצורו'. פורים איז אָבער דאָ שמחה אויך בשעת מען זייעט איין די תבואה, ווייל מ'איז זיכער אַז מ'וועט זעהען פירות און פירי פירות פון דעם וואָס מ'האָט איינגעזייט, וויבאַלד די טויערן פון רחמים זענען ברייט אָפען פאַר יעדן איינעם, און דער מענטש וואָס האָט שכל, קען דעמאָלס קומען און פועל'ן רפואות און ישועות מיט זיין תפילה.

עס שטייט אין ספה"ק 'שפת אמת' (פורים תרל"ה) בזה הלשון: 'תשועתם הייתי לנצח, ותקותם בכל דור ודור'. די ישועה אין פורים איז געווען לדורות עולם, פונקט אַזוי ווי די גזירה איז געווען 'להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים' ח"ו (וואָס דאַן וואָלטן דאָך אַלע דורות ביז אייביג חלילה פאַרלענדט געוואָרן רח"ל), איז ממילא ווען עס האָט פּאַסירט דער נס, איז דער נס אויך פאַר אַלע שפּעטערדיגע דורות. קומט אויס אַז דער גאַנצער קיום פון כלל ישראל איז דורך דעם דאָזיגן נס. און חז"ל זאָגן אַז אין הימל איז אויך געווען די גזירה אויף אידישע קינדער, און דער אויבערשטער האָט געמאַכט דעם נס אָן דעם זכות פון די אידן, נאָר וויבאַלד מיר זענען זיין פאָלק און פאַרלאָזן זיך אויף איהם שטענדיג, דעריבער דאַרף ער אונז העלפן אין צייט פון אַ צרה. דעריבער גיט דער יום טוב פורים כח און האָפענונג פאַר אידישע קינדער אין גלות, זיך צו פאַרזיכערן אויף דעם אויבערשטען דורך דעם וואָס מ'איז מיוחד פאַר איהם (און נישט דווקא, אין זכות פון אונזערע מעשים טובים).

שרייבט דער 'שפת אמת' ווייטער, אַז צוליב דעם האָבן חז"ל געזאָגט אַז מ'דאַרף טרינקען ביז מ'קומט אָן צו 'עד דלא ידע' וכו', צו ווייזן אַז דער יום טוב איז נישט מצד דעם זכות וואָס אידן האָבן, ווייל זיי זענען דאָך אין אַ מצב פון 'לא ידע', און האָבן נישט קיין שום מעלה, נאָר די איינע מעלה אַז זיי זענען 'אידן'... און חז"ל זאָגן אַז פורים איז אַזוי ווי יום כיפור, וואָס יום כיפור זענען אַלע אידן העכער פון די טבע דורך דעם וואָס מ'איז מבטל דעם גוף פון עסן און טרינקען און די אַנדערע עינויים, דורך דעם קומט מען אָן צום 'עלמא דחירות', און ס'איז דאָ כפרת עוונות. דאָס זעלבע איז אין פורים, אַז דורך משתה ושמחה קען מען מיט'ן אויבערשטען'ס הילף צוקומען דערצו מיט'ן באַשעפער'ס הילף, נישט מכח אונזערע אייגענע מעשים.

וואָס ווערט נשפע אין דעם טאָג פון פורים, ווערט נתגלה ביים לייענען די מגילה.

**דער** רמב"ם ז"ל (הלכות מגילה, פ"ב, הי"ח) פאַרגלייכט מגילת אסתר צו די חמשה חומשי תורה (עיי"ש). פון דעם קען מען פאַרשטיין די גרויסע קדושה פון דער מגילה.

**נאָך** מער, שרייבט דער "חתם סופר" זצ"ל (דרשות קסד.), אַז וויבאַלד קבלת התורה אין די צייטן פון משה רבינו ע"ה איז געווען געצוואונגענערהייט, און זיי האָבן שפּעטער גענומען די תורה אין די צייטן פון אחשוורוש (שבת פח.), אויף אַן אופן אַז דער הייליגער אור וואָס שטעקט אין דער מגילה, איז ממש גרעסער און מער ווי די הייליגע תורה אַליין, עכ"ל.

**דער** "יערות דבש" שרייבט (ח"א, דרוש ג): אַז דאָס מגילה-לייענען טאָר נישט זיין ווי אַ "ספר הזכרונות", אַ ספר וואָס שילדערט די פּאַסירונגען פון אונזערע עלטערן, מיט אַלע שוועריגקייטן וואָס האָבן זיי געטראָפן, און אַז עס האָט נישט מער ווי די הגדת המעשה און אַ 'סיפור דברים', ווייל צוליב דעם וואָלט מען נאָך נישט געדאַרפט לייענען די מגילה צוויי מאָל.

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער "קב הישר" (פרק צט), זעה נאָר מיט דיינע אויגן די הייליגקייט פון די ימים טובים. יעדער יום טוב פאַרמאָגט אין זיך גרויסע קדושות און וואונדערליכע סודות. און דו דאַרפסט וויסן, אַז עס איז דאָ אַ נייער עולם אין הימל וואָס איז זייער הייליגע און פאַרכטיג, און יענער עולם ווערט נישט אַנטפּלעקט אינדרויסן צוליב זיין גרויסע קדושה, נאָר איינמאָל אַ יאָר, און עס פאַנגט אָן אַנטפּלעקט צו ווערן ווען מ'הייבט-אָן לייענען די מגילה, און פון דער דאָזיגער וועלט איז געקומען דער 'שורש נשמה' פון מרדכי הצדיק, און מיר דאַרפן מעורר רחמים זיין אַז דער דאָזיגער עולם זאָל אַנטפּלעקט ווערן אינדרויסן, און ער זאָל משפיע זיין און אַריינשיינען אויף די קעפּ פון אידישן פאָלק וואָס פאַרזאַמלען זיך אין די שולן צו הערן מגילה-לייענען מיט אַ ריין האַרץ, און מיט אַ האַרץ פון כוונה[מא].

**זאָגט** דער "קב הישר" ווייטער, אַז דאָס איז די כוונה פון די ברכה וואָס מיר זאָגן פאַר'ן מגילה-לייענען: "אשר קדשנו במצותיו וצונו על מקרא מגילה". "מקרא" איז פון לשון צוגרייטן, פון לשון פון פסוק (במדבר י, ב) "למקרא העדה ולמסע את המחנות". דאָס הייסט, דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן מעורר צו זיין די כוונה און אַרויסברענגען די גרויסע "הארה" אינדרויסן, און אויף דעם זאָגן מיר די ברכה "על מקרא מגילה", און אויף דעם דאַרף דער ציבור ענטפערן "אמן" מיט גרוים כוונה.

[**דער** "ישמח ישראל" (פורים, סוף אות ג) האָט מכוון געווען צו די ווערטער פונעם "קב הישר", ווייל ער טייטשט אויך פון זיך, די ווערטער "מקרא מגילה" פון לשון צוגרייטן און איינזאַמלען, אַז אַלע אורות ווערן איינגעזאַמלט און אויפגעדעקט ווען מ'לייענט די מגילה].

**דער** "בית אהרן" שרייבט (לשבת זכור, סו:): צדיקים זאָגן, אַז ווען זיי קוקן אַריין אין די מגילה, זעהען זיי דאָרט אַלעם וואָס וועט פּאַסירן אַ גאַנץ יאָר, און הרה"ק בעל "אמרי יוסף" זי"ע פון ספינקא האָט געזאָגט, אַז ווען מ'לייענט די מגילה, ווערן געעפנט די טויערן פון גן עדן.

**דער** הייליגער ווילעדניקער זי"ע שרייבט, אין ספה"ק "שארית ישראל" (שער הזמנים, שער ב', פורים, ד"ה "אף"), אַז ווען מ'לייענט די מגילה, איז דאָ אַ תיקון פאַר אַלע "גילוים" - גילוי עריות ח"ו, דאָס הייסט, אַז ווען מ'לייענט די מגילה איז דער אויבערשטער מוחל

**מא.** אַזוי טייטשט דער מונקאַטשער רב, הרה"ק בעל "מנחת אלעזר" זי"ע ("דברי תורה", מהדורא תניינא, אות עו) דאָס לשון פון דער משנה (מגילה יז.) "הקורא את המגילה למפרע לא יצא". אויב מ'לייענט די מגילה צוריקוועגס, האָט מען נישט יוצא געווען די מצוה פון קריאת המגילה. טייטשט דער מונקאַטשער רב, "למפרע" איז פון לשון "פרעון" - באַצאָלונג. אויב איינער לייענט די מגילה נאָר כדי צו "צאָלן" זיין "פליכט" פון קריאת המגילה, ער וויל שוין פטור ווערן דעם "עול" פון לייענען, און ער לייענט עס נישט מיט די געהעריגע התעוררות פון האַרץ, זיך מתבונן צו זיין אין די גרויסע חסדים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט זיין טייער אידיש פאָלק, "לא יצא" - האָט ער נישט יוצא געווען דעם חיוב פון די מצוה, און ער האָט שאָדן די הויפּט-מטרה פונעם מגילה-לייענען, אַז מ'זאָל זיך מתבונן זיין אין די פסוקים פון דער מגילה, און אין די חסדים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט די אידן מיט אַ גענויע השגחה פרטית, ווייל נאָר אַזוי איז מען מקיים דעם חיוב פון קריאת המגילה.

אַלע עבירות פון די אידן, אויך די האַרבסטע עבירות. עס איז מרומז אין וואָרט "מגילה". און נישט נאָר ברוחניות איז אַזוי, נאָר אויך בגשמיות, ווערט נשפע אַ גרויסע שפע פון בני חיי און מזוני, דורכ'ן לייענען די מגילה אין פּורים[מב].

מ'קען דאָס אויך אַרויסלערנען פון דעם וואָס די פּוסקים שרייבן (ע' או"ח סי' תרצ"ג ס"א, ובמשנה ברורה שם) צו זאָגן נאָך די קריאה קדיש תתקבל, וואָס איז אַ בקשה אַז די תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן. פון דאָ לערנען מיר אַז דער גאַנצער ענין פון קריאת המגילה

---

**מב.** דער מונקאַטשער רב, הרה"ק בעל"מנחת אלעזר" זי"ע, האָט דערציילט, אַז אַמאָל האָט מען איינגעזעצט דעם הייליגן רבי'ן ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב, און די וועכטער פון די תפיסה האָבן ערלויבט אַריינצוברענגען צו איהם נאָר איין חפץ. ווען מ'האָט איהם געפרעגט וואָס ער וויל האָבן, האָט דער רבי ר' מענדעלע געענטפערט אַז מ'זאָל איהם געבן אַ כשר'ע מגילה, געשריבן מיט טינט אויף פּאַרמעט, כאָטש עס איז געווען אינמיטן זומער, אין די טעג פון תקופת תמוז.

ווען זיין תלמיד, דער ראָפּשיצער רב, הרה"ק רבי נפתלי צבי זי"ע (בעל "זרע קודש") האָט געהערט וואָס די בקשה פונעם רבי'ן ר' מענדעלע איז געווען, האָט ער אָנגעוואָרנט די אַנדערע תלמידים מ'זאָל נישט נאָכקומען זיין פּאַרלאַנג, ווייל אויב די רבי וועט באַקומען די מגילה און לייענען דערין, קען ער נאָך חלילה חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט.

ביים דערציילן דעם סיפור, האָט דער מונקאַטשער רב צוגעגעבן, אַז פון דעם זעהט מען די גרויסע סגולה פון לייענען די מגילה, ווייל מיר האָבן דאָך אַ קיימא-לן (מנחות עב.) "חביבה מצוה בשעתה", אַ מצוה איז באַליבט אין דער צייט ווען מ'דאַרף עס מקיים זיין, און אויב דער רבי ר' מענדעלע האָט געקענט אויפטוהן מיט'ן מגילה-לייענען אַזעלכע מורא'דיג-גרויסע זאַכן אַפילו אינמיטן יאָר, איז דאָך אַ קל וחומר אַז דורך לייענען די מגילה ווען ס'איז די צייט - אין דעם טאָג פון פּורים - קען מען בויען גאַנצע וועלט, און אויפטוהן דעמאָלס גאָר גרויסע זאַכן.

דער מדרש זאָגט (אסת"ר פ"ט, ב) אַז זרש און די ראַטגעבער פון המן האָבן איהם געראָטן ער זאָל מאַכן אַ הויכן בוים אויפצוהענגען דערויף מרדכי'ן, ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז אין וואַסער, האָט דער אויבערשטער שוין באַוויזן ניסים צו די אידן, ווען ער האָט פאַר זיי געשפּאָליטן דעם ים סוף. אין פייער, האָט ער שוין געראַטעוועט חנניה, מישאל און עזריה פונעם קאַלך-אויוון, און דעריבער האָבן זיי זיך געוואָלט איבערקליגן, און זיי האָבן אויסגעקליבן אַ נייע זאַך וואָס אידן זענען נאָך נישט געראַטעוועט געוואָרן דערפון, כדי מרדכי זאָל נישט קענען געראַטעוועט ווערן, עיי"ש במדרש (דער מדרש רעכנט דאָרט אויס מערערע זאַכן ביי וועלכע עס האָבן שוין פּאַסירט ניסים מיט די אידן, ווי דניאל אינעם לייבן-גרוב, א.א.וו.).

דאַרף מען פאַרשטיין, זרש און די ראַטגעבער זענען דאָך נישט געווען קיין נאַראָנים, צו טראַכטן אַז דער אויבערשטער, וואס ער קען מאכן ניסים און וואַסער און אין פייער און ער קען ראַטעווען פון אַ שווערד, קען חלילה נישט ראַטעווען מרדכי'ן פון דער תליה, עס איז דאָך נישט דאָ ביי איהם א חילוק צווישן אַ נס וואָס ווערט געמאַכט אין וואַסער אָדער אין פייער צו אַ נס וואָס ווערט געטוהן ביי אַ בוים. נאָך מער איז שווער, צוליב וועלכן צוועק האָבן חז"ל אונז געדאַרפט דערציילן וואָס זרש און די גוטע פריינט פון המן האָבן געטראַכט?

ענטפערט דער "אגרא דכלה" (עקב, עה"פ "כי תאמר בלבבך רבים הגוים האלה ממני" וגו'), אַז אין משך פון די דורות האָט דער אויבערשטער געמאַכט ניסים אויף דער וועלט, און ווען מ'דערציילט שפּעטער וועגן די וואונדער, איז מען מעורר די זעלבע ניסים וואָס האָבן דעמאָלס פּאַסירט. וועגן דעם האָבן זרש און די יועצים פון המן מורא געהאַט, אַז אויב המן האָט זאָגן פאַר אחשוורוש ער זאָל דערטרינקען מרדכי'ן אין אַ טייך, וועלן די אידן לערנען די פּרשה פון קריעת ים סוף און מרדכי וועט נישט דערטרונקען ווערן. דאָס זעלבע, אויב המן וועט זאָגן אחשוורוש'ן ער זאָל אַריינוואַרפן מרדכי'ן אין פייער ער זאָל פאַרברענט ווערן חלילה, וועלן זיי לערנען די מעשה פון חנניה מישאל ועזריה אין ספר דניאל, און דאָס פייער וועט אָפּגעקילט ווערן. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן אומצוברענגען מרדכי'ן מיט אַ נייעם וועג אויף וועלכן דער אויבערשטער האָט נאָך קיינמאָל נישט געראַטעוועט די אידן, און אַזוי וועלן זיי נישט קענען מעורר זיין דעם נס דורך לייענען די פּרשה וואו עס ווערט דערציילט וועגן דעם, אָבער דער אויבערשטער מיט זיין גרויס רחמנות, האָט זיך דערבאַרימט אויף די אידן און האָט באַשאַפן פאַר זיי אַ נייעם נס, און זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן פון דער שרעקליכער גזירה פון המן הרשע.

פון דעם לערנען מיר, אַז ווען מ'לערנט און מ'לייענט די "דברי תורה" פון די ניסים, איז מען בכוח מעורר צו זיין די זעלבע ניסים וואָס האָבן דעמאָלס פּאַסירט, און ספּעציעל ווען מ'לערנט וועגן דעם נס פון פורים אין די מגילה.

ענליכע ווערטער, שרייבט הרה"ק בעל "באר מים חיים" זי"ע, אין זיין ספר "ארץ החיים" אויף מסכת ברכות (ליקוטים למגילת אסתר, דפוס ישן דף כ"ה ע"ב) אויף די ווערטער פון די גמרא (מגילה ז.) אַז אסתר האָט געשיקט צו די חכמים, מ'זאָל קובע זיין און פאַרשרייבן דעם נס פון פורים פאַר די קומענדיגע דורות. שרייבט דער "ארץ החיים": עס איז באַקאַנט אַז די מעשיות וואָס ווערן דערציילט אין דער תורה, וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט גרויסע וואונדערליכע ניסים מיט די אידן, זענען מסוגל מ'זאָל דערציילן יעדער מענטש ווען ער וועט זיך נויטיגן אין אַ ישועה... ווי שלמה המלך ע"ה זאָגט (קהלת א, ט) "מה שהיה הוא שיהיה". דאָס הייסט, דאָס דערציילן "מה שהיה" - אַ נס וואָס האָט אַמאָל פּאַסירט, איז מעורר דעם "הוא שיהיה", אַז עס זאָל נאָך אַמאָל פּאַסירן אַן ענליכער נס. אויף דעם האָט אסתר געבעטן "קבעוני לדורות", מ'זאָל באַשטימען אַז די מעשה פונעם נס זאָל פאַרשריבן ווערן אין אַ מגילה, כדי מ'זאָל אין יעדן דור, קענען מעורר זיין די זעלבע ניסים דורכ'ן לייענען די מעשה וואָס האָט פּאַסירט דורך מיר.

דער "ארץ החיים" פירט אויס, אַז דאָס איז די כוונה פון פסוק (אסתר ט, כח) "והימים האלה נזכרים ונעשים", די זעלבע טעג ווערן דערמאָנט דורכ'ן דערציילן דעם סיפור המעשה פונעם נס, "ונעשים" און אַזוי פּאַסירט אַ נייע ישועה אויף דער וועלט אַזוי ווי ס'איז דעמאָלס געווען, "בכל דור ודור", און לאו דווקא בכל דור ודור, נאָר אויך "משפחה ומשפחה, ועיר ועיר" - יעדער איינער אין דער צייט ווען ער נויטיגט זיך אין אַ ישועה, זאָל ער געדענקען דעם דאָזיגן נס, און ער וועט געראַטעוועט ווערן פון זיין צרה, עיי"ש.

דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט ("בעל שם טוב" עה"ת, אסתר, אות ח, און אַזוי ברענגט דער "מאור ושמש", רמזי פורים, ד"ה "בגמרא הקורא", אין נאָמען פון הרה"ק בעל "אור המאיר" זי"ע), אויף די ווערטער פון דער משנה (מגילה יז.) "הקורא את המגילה למפרע לא יצא". אויב דער מענטש לייענט די מגילה ווי אַ "מעשה-דערציילונג", וועגן אַ זאַך וואָס האָט אַמאָל פּאַסירט און עס פּאַסירט נישט מער, דאָס הייסט, ער טראַכט נישט אַז דער אויבערשטער טוט מיט אונז ניסים און וואונדער אין יעדן דור, אין זכות פון קריאת המגילה וואָס מיר זענען מקיים אום פורים, "לא יצא" - האָט ער נישט יוצא געווען די מצוה, ווייל די ניסים פּאַסירן יעצט בפועל ממש.

הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע ברענגט ('ליקוטי הרי"מ') אַ ראיה דערצו אַז עס פּאַסירן יעצט די ניסים, פון דעם וואָס עס ווערט גע'פּסק'ענט אַז מ'דאַרף זאָגן די נעמען פון די צען קינדער פון המן ("עשרת בני המן") אין איין אָטעם, ווייל זיי זענען געשטאָרבן צוזאַמען. פון דעם איז אַ ראיה, אַז יעצט, בזמן הזה, "שטאַרבן" זיי פונדאָסניי, ווייל עס ווערט נתעורר יעצט דער כח פונעם נס, און וועגן דעם דאַרף מען יעדעס יאָר לייענען די מגילה "בנשימה אחת" - אין איין אָטעם.

אַזוי זאָגט אויך דער "תפארת שלמה" (רמזי פורים, ד"ה "בגמרא מגילה"), אַ כוונה אין די ווערטער פון חז"ל (מגילה ד:) "מפני שעיניהם של עניים נשואות למקרא מגילה" - די אויגן פון די אָרימעלייט קוקן אַרויס אויפ'ן מגילה-לייענען. זאָגט ער אַ רמז, אַז דורך מגילה-לייענען ווערן אידישע קינדער געהאָלפן מיט השפּעות פון בני חיי ומזוני (און דאָס איז די כוונה פון "נשואות", זייערע אויגן ווערן "אויפגעהויבן" און אויפגעלויכטן). צוליב דעם דאַרף מען אויך אויסשפּרייטן די מגילה "כאגרת" - אַזוי ווי אַ בריוו, כדי עס זאָלן זיך ציען די גוטע השפּעות פאַר דער גאַנצער וועלט (אַזוי ווי אַ בריוו וואָס מ'ציהט עס אויס), אמן.

אויך זאָגט דאָרט דער "תפארת שלמה", אַז דאָס וואָרט "מגלה", חסר, אָן דעם אות יו"ד אינדערמיט, באַטרעפט די צאָל 78, אַזוי ווי 'מזל"א', ווייל ביים לייענען די מגילה קען מען ממשיך זיין 'שפע רב בבני חיי ומזוני', ווייל די חז"ל זאָגן (מו"ק כח.) "בני חיי ומזוני, לא בזכותא תליא מילתא אלא במזלא תליא מילתא". ממילא, קען מען אין אַזאַ צייט איבערדרייען דעם מזל פון שלעכטן צום גוטן.

צדיקים האָבן געזאָגט, אַז ווען מ'לייענט די מגילה קענען חשוכי בנים ל"ע געהאָלפן ווערן בדבר ישועה ורחמים (אין דעם כלל זענען אויך די וואָס ליידן פון צער גידול בנים רח"ל, אַז זיי קענען זוכה זיין אויסצו'פּועל'ן צו זעהן נחת דקדושה פון זייערע קינדער), ווייל די מגילה פאַנגט זיך אָן מיט'ן וואָרט "ויהי", וואָס איז אַ לשון פון צער (מגילה י:), און ענדיגט זיך מיט די ווערטער (אסתר י, ג) "דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו", ממילא, קען מען איבערדרייען - אין דער בחינה פון

איז אַ זאַך פון בעטן בקשות און תחנונים פאַר'ן אויבערשטען, און אויף דעם בעטן מיר, "תתקבל צלותהון ובעותהון", וואָס דאָס גייט אַרויף אויף די תפילות וואָס זענען באַהאַלטן און מרומז אין דעם לשון פון די מגילה[מג].

### אורה זו תורה - די חשיבות פון לימוד התורה אין פורים

**מיר** לייענען אין מגילת אסתר (ט, כז) 'קיימו וקיבלו היהודים עליהם ועל זרעם'. די אידן האָבן פונדאַסניי מקבל געווען די תורה מאהבה, ווי חז"ל זאָגן (שבת פח.) אַז ביים באַרג סיני האָבן די אידן מקבל געווען די תורה מיראה, און פורים האָבן זיי מקבל געווען די תורה מאהבה. זאָגט רש"י: 'מאהבת הנס'. ממילא, איז דער טאָג פון פורים אַ צייט ווען מ'דאַרף לערנען תורה.

**אַזוי** שרייבט דער 'יסוד ושורש העבודה' (שער המפקד, פ"ו), אויף די ווערטער פון חז"ל (מגילה טז:) אויף דעם פסוק 'ליהודים היתה אורה' וגו', 'אורה זו תורה'. זאָגט רש"י: 'אורה זו תורה, וואָס המן האָט גוזר געווען אויף די אידן אַז זיי זאָלן נישט לערנען תורה', עכ"ל.

**פון** דעם קען יעדער יודע ספר זעהן אַז עס איז דאָ אַ גרויסער חיוב צו לערנען תורה און זיך פרייען מיט'ן לערנען, און דערמיט געבן אַ געוואַלדיגע שבח והודיה צום באַשעפער ברוך הוא וברוך שמו, אַז ער האָט אויסגעמעקט דעם המן הרשע, וואָס ער האָט גוזר געווען אויף אידישע קינדער, דאָס הייליגע פאָלק, אַז זיי זאָלן נישט לערנען די הייליגע תורה.

**עס** איז באַקאַנט וואָס דער גאון בעל 'חתם סופר' זצ"ל שרייבט (דרושים ואגדות, ע' רמ"ה) אַז ער האָט מקבל געווען פון זיין רבי'ן, הגאון רבי מענדלי ליליג זצ"ל, וועלכער איז געווען רב אין אַ שול אין פראַנקפורט ד'מיין, אַז ער האָט מקבל געווען פון דעם גאון בשם דעם בעל 'שב יעקב' זצ"ל, אַז דער מענטש וואָס לערנט תורה צווישן מגילה-לייענען פורים ביינאַכט און די קריאת המגילה בייטאָג, איז פאַרזיכערט אַז ער וועט זיין אַ בן עולם הבא[מד]. דער 'חתם סופר' פירט אויס: אַזוי האָב איך מקבל געווען, און איך ווייס נישט דעם טעם דערפון[מה].

**אַזוי** פסק'ענט דער רמ"א (סי' תרצ"ה ס"ג) אין נאָמען פון מהר"י ברונא, אַז מ'זאָל לערנען תורה פאַר די

---

"ונהפוך הוא" - פון צער צו שמחה, דורך "לכל זרעו", אַז מ'וועט זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

איין יאָר פורים, האָט אַ איד זיך מזכיר געווען פאַר'ן בעלזער רב הרה"ק רבי אהרן זי"ע, ער זאָל איהם אָנווינטשן געהאָלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא. האָט דער בעלזער רב איהם געזאָגט, דער טאָג פון פורים איז מסוגל אויף קינדער, זרע של קיימא, לויט ווי דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער אויבערשטער איז מקיים די מצוה פון "משלוח מנות", "איש" אַ מענטש (דאָס מיינט מען קינדער) "לרעהו" - צו די אידן וואָס דאַרפן געהאָלפן ווערן מיט קינדער (געברענגט אין ספר "ביתו נאוה קודש", אדר, ע' רכ).

הרה"ק מסאטמאר זי"ע, האָט געזאָגט, אַז עס איז כדאי פאַר'ן מענטש צו לעבן זיבעציג יאָר אויף דער וועלט און ליידן פאַרשידענע נסיונות און שוועריגקייטן, אַלעס כדי צו הערן מגילה-לייענען אַפילו איין מאָל אין לעבן!

**מג.** דאָס קען זיין מרומז אין דער גמרא (מגילה ד.) "חייב אדם לקרות את המגילה בלילה ולשנותה ביום" - דער מענטש איז מחויב צו לייענען די מגילה פורים ביינאַכט, און עס לייענען אַ צווייטן מאָל בייטאָג, און די גמרא ברענגט דערויף דעם פסוק וואָס אסתר האָט געזאָגט (תהלים כב, ג) "אלוקי אקרא יומם ולא תענה, ולילה ולא דומיה לי". נישט אומזיסט לערנט מען עס אַרויס פון דעם פסוק, וואָס רעדט זיך וועגן תפילה, נאָר ווייל דער ענין פון תפילה, און קריאת המגילה, זענען צוזעגליכן איינער צום אַנדערן, און עס איז איין "שטיק" תפילה...

**מד.** מ'קען צוגעבן על דרך צחות, אַז אין דעם איז אויך אַריינגערעכנט דער וואָס לערנט תורה צווישן קריאת המגילה בייטאָג היי יאָר, און קריאת המגילה ביינאַכט דאָס קומענדיגע יאָר... אויך אַזאַ איינער איז פאַרזיכערט מיט עולם הבא...

**מה.** אַזוי שרייבט אויך דער בעל 'פלא יועץ' זי"ע, אין זיין ספר 'יעלזו חסידים', אַז ער האָט געהערט וועגן אַ רב וואָס ער איז געזעסן פורים ביינאַכט און עוסק געווען בתורה רוב נאַכט, און ער האָט געזאָגט: אין דער נאַכט עסן אַלע אידן, און מ'טרינקט און מ'פרייט זיך, און דער אויבערשטער האָט נישט ווער עס זאָל לערנען זיין תורה, וועל איך לערנען זיין תורה, און עס וועט זיין חשוב ביי דעם אויבערשטען.

סעודה, ווייל דער פסוק זאָגט (אסתר ח, טז) 'ליהודים היתה אורה' וגו', און חז"ל דרש'ענען (מגילה טז:) 'אורה זו תורה'[מו].

**אויך** זאָגט דער 'חתם סופר' זצ"ל (דרשות, ח"א, פורים שנת תקצ"ו) אַז לכאורה וואָלט מען גענדאַרפט באַשטימען דעם טאָג פון פורים אויפ'ן דרייצענטן טאָג פון חודש אדר, וואָס אין דעם טאָג האָט פּאַסירט דער נס אַז די אידן האָבן געוועלטיגט איבער זייערע שונאים, פּונקט ווי מ'האָט מתקן געווען אַנדערע ימים טובים אויף דעם טאָג ווען עס האָט פּאַסירט דער נס (אַזוי ווי חנוכה - 'חנו כ"ה', אין דעם 25סטן טאָג פון חודש כסלו, צינדט מען שוין חנוכה-לעכט).

פאַרוואָס האָט מען באַשטימט דעם יום טוב אין דעם טאָג ווען די אידן האָבן גערוהט?

**ענטפערט** דער 'חתם סופר', אַז אויב מ'וואָלט באַשטימט דעם יום טוב פורים אין דרייצענטן טאָג פון חודש אדר, וואָלט נישט געווען אַ חילוק צווישן 'פרזים' און 'מוקפים'. אַלע אידן וואָלטן געפייערט דעם 13טן טאָג, און די וועלט וואָלט געווען וויסט פון לימוד התורה.

**צוליב** דעם האָבן חז"ל באַשטימט מ'זאָל האַלטן פורים אין דעם טאָג ווען די אידן האָבן גערוהט, ממילא איז פורים צוויי טעג, דער פערצענטער טאָג פון חודש אדר פאַר די פרזים, און דער פופצענטער טאָג איז באַשטימט געוואָרן פאַר די שטעט וואָס האָבן אַ מויער פון די צייטן פון יהושע בן נון. ממילא, וועט די וועלט נישט זיין בטל פון לימוד התורה, ווייל ווען די אידן פון די אָפענע שטעט וועלן זיין פאַרנומען מיט מקיים זיין די מצוות פון יום טוב פורים, וועלן די מענטשן אין די געמויערטע שטעט לערנען תורה, און דאָס זעלבע, פאַרקערט[מז].

### מה שאלתך וינתן לך - ביים משתה היין קען מען בעטן אַלע סאָרט בקשות

**די** גמרא זאגט (מגילה ז:) "מיחייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי". יעדער איד איז מחויב זיך אָנצוטרינקען אין פורים[מח], ביז ער ווייסט נישט אַ חילוק צווישן "ארור המן" און "ברוך מרדכי".

---

**מו.** טייל צדיקים האָבן זיך געפירט צו לערנען הלכות פסח פאַר די סעודה פון פורים, ווייל חז"ל זאָגן (פסחים ו:) 'שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם הפסח שלשים יום', און פורים איז דרייסיג טעג פאַר דעם יום טוב פסח.

**מז.** דער 'בן יהוידע' זאָגט (מגילה יב: ד"ה 'יום'), אויף די ווערטער פון חז"ל אויפ'ן פסוק (אסתר א, י) 'ביום השביעי כטוב לב המלך ביין', זאָגט רבא, דער זיבעטער טאָג פון די סעודה איז געווען שבת, ווען אידן עסן און טרינקען, און זיי הייבן אָן מיט זאָגן דברי תורה, שירות ותשבחות.

זאָגט דער 'בן יהוידע', די כוונה פון חז"ל איז, דו זאָלסט זיך נישט וואונדערן ווי אַזוי פון דער סעודה פון אחשוורוש, וואָס פון דעם איז אַרויסגעקומען אַ קיטרוג ח"ו אויף אידן, האָט דערנאָך געקענט אַרויסקומען אַ גרויסע ישועה פאַר אידישע קינדער, ווייל דאָס הרג'ענען ושתי איז דאָך געווען די סיבה פון די ישועה פאַר אידן, ווייל דעמאָלס איז אסתר געקומען און האָט איבערגענומען איר אָרט. אויף דעם זאָגט די גמרא, 'שישראל אוכלין ושותין ומתחילין בדברי תורה'. ממילא איז אַרויסגעקומען אַ לימוד זכות פאַר אידן, און עס האָט אויפגעשפּראָצט פאַר זיי די ישועה דורך דעם וואָס ושתי איז גע'הרג'עט געוואָרן יענעם טאָג. פון דעם זעהען מיר דעם גרויסן כח פון לימוד התורה, אַז עס שיצט פון די צרות און יסורים.

**מח.** צדיקים האָבן געזאָגט אַ משל, אַ מלך בשר ודם האָט זיך גענדאַרפט אַריבערציען אין אַן אַנדערע שטאָט. ווען די קייסערליכע משרתים זענען געקומען אַריבערפירן די ווערד-זאַכן פונעם קעניג צום נייעם פּאַלאַץ, האָט מען אָנגעשטעלט באַוואָפנטע סאָלדאַטן אַכטונג צו געבן און היטן אַז רויבער זאָלן נישט קומען באַרויבן די מלוכה דורך אַרויסנעמען חפצים פונעם פּאַלאַץ, און ספּעציעל די שריפטן וואו עס זענען פאַרצייכנט פאַרשידענע מלוכה-סודות און פונעם מיליטער. מ'האָט טאַקע באַוויזן אָפּצוהיטן די שריפטן און די ווערד-זאַכן פון אַלע פיינטליכע קרעפטן און פון די רויבער, און עס אַריבערפירן צו די קייסערליכע אוצרות מיט אַ גוטע וואָך, אָבער ווען זיי זענען געקומען אַריבערצופירן די קייסערליכע קרוין, האָט דער קעניג זיך שוין נישט געוואָלט פאַרלאָזן און אָנפאַרטרויען זיינע וועכטער, האָט מען געלייגט די קעניגליכע קרוין אין אַ פּשוט'ן וואָגן, מ'האָט עס פאַרדעקט מיט אָפּגעריבענע שטיקלעך קליידער, און אַזוי איז נישט איינגעפאַלן פאַר די רויבער אַז דאָ געפינט זיך אַ גרויסער און טייערער אוצר.

**עס** שטייט אין ספה"ק "ייטב פנים" (לפורים, קול מגילה, ד"ה "ובבזה"), אויף די ווערטער פון חז"ל (מגילה שם) "רווחא לבסימא שכיח", אַז דורך זיך אָנטרינקען אין פורים כמצוות היום ("לבסימא"), קען מען זוכה זיין צו אַ צו גרויסע פאַרדינסטן ("רווחא") און צו ישועה אין אַלע ענינים, מיט אַ גרויסע שפע פון פרנסה בהרחבה און אַלע אַנדערע באַדערפענישן[מט].

**אַזוי** זאָגט דער מונקאַטשער רב זי"ע אין "שער יששכר" (מאמר ימי ששון, אות נז) אויפ'ן פסוק (אסתר ה, ו)

---

דער נמשל איז, וועגן דעם הייליגן טאָג פון פורים, שרייבן די ספרים הקדושים ("מאור ושמש", פורים, ד"ה "והנה בימות החול"), אַז די אורות וואָס קומען אַראָפּ יום כיפור ביים זאָגן "כתר", ווערן נתגלה אין משך פון גאַנצן מעת לעת פון פורים. קומט אויס, אַז אין דעם הייליגן טאָג פון פורים איז יעדער איינער בכח צו בעטן פונעם קעניג אַלעס וואָס ער דאַרף, און ער קען דעמאָלס אַפילו פועל'ן מ'זאָל שוין זוכה זיין צום שלימות התיקון וואָס וועט זיין לעתיד לבוא. אָבער כדי עס זאָל נישט זיין "יד הכל ממשמשת בו", האָבן חז"ל באַשטימט דעם טאָג פאַר אַ טאָג פון טרינקען און זיך פרייען [און עס איז נישט דאָ אין דעם טאָג אַן איסור מלאכה אָדער אַ נוסח התפילה אַזוי ווי ביי יעדן יום טוב, און מוצאי פורים מאַכט מען נישט 'הבדלה' בין קודש לחול. ממילא, זעהט עס אויס ווי דער 'איינפאַכער וואָגן' אין דעם נמשל, וואו מ'האָט אַריינגעלייגט דעם 'כתר מלכות' פונעם קעניג, און נאָך מער: די חז"ל האָבן צוגעלייגט דעם חיוב אָנצוטרינקען זיך אין פורים, און בטל מאַכן דעם דעת און דעם שכל, וואָס דאָס איז ענליך צום צודעקן אַ קרוין מיט 'שמאַטעס'...], און אַלעס כדי פשוט'ע מענטשן זאָלן זיין פאַרנומען מיט נאַרישקייט און נישט אָנרירן די קייסערליכע קרוין. דער מענטש וואָס פאַרשטייט אָבער יאָ דעם אינהאַלט דערפון, ווייסט אַז עס איז דאָ אַ גרויסער אוצר וואָס איז באַהאַלטן אונטער די אַלע מ'אַסקעס, און ער איז בכוח אויפצודעקן די טיפע כוונות וואָס זענען באַהאַלטן דערין.

**מט.** הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין 'שפתי צדיק', פורים, אות נג) "בפורים יש כל כך עת רצון, שכל איש ישראל יכול לפעול לאין שיעור', אין פורים איז אַזאַ גרויסער עת רצון, אַז יעדער איד קען דעמאָלס פועל'ן אָן אַ שיעור. נאָר כדי מ'זאָל נישט בעטן שלא כהוגן, האָבן די חז"ל 'מכבד געווען' דעם מענטש מיט אַ כוס, און עס איז נישט דאָ אַ הוה אמינא אַז מיר זאָלן חלילה שאַדן האָבן דורך אַ תקנה פון די חז"ל, ווייל ס'איז מסתמא דאָ אַ גרעסערער נחת רוח אין הימל ווען אַ מענטש איז מבטל זיין רצון כדי צו פאָלגן די ווערטער פון יז"ל, ווי ווען ער בעטן פאַר זיך טובות, כאָטש ער פועל'ט דעמאָלס (בפרט, אַז מ'קען זיך משתדל זיין מיט תפילה ביז די צייט פונעם טרינקען).

אויך איז באַקאַנט וואָס דער 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס מ'דאַרף פורים טרינקען ווײַן 'עד דלא ידע', לויט אַ מעשה וואָס איז פאָרגעקומען ביי דעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַז אַ געוויסער בעל עבירה האָט צוגעגרייט אַ גרויסן סכום געלט כדי צו טוהן אַן עבירה דערמיט, און זייענדיג אויפ'ן וועג צו טוהן די עבירה, מיט'ן בייטל געלט, האָט ער געהערט אַ געוויין וואָס קומט פון אַ גרוב. ווען ער איז צוגעגאַנגען נענטער, האָט ער געזעהן אַ גאַנצע אידישע משפחה איז נעבעך בצרה ובשביה, און זיי האָבן איהם דערציילט אַז דער טאַטע האָט נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן פאַר'ן 'פריץ' די ראַטע פאַר די אַרענדע וואָס ער האָט געדינגען ביים 'פריץ', און דערפאַר האָט ער זיי אַריינגעשליידערט אינעם פינצטערן גרוב.

ווען דער פראָסטער פאַרשוין האָט זיי געפרעגט וויפיל געלט זיי זענען שולדיג פאַר דער קרעטשמע, האָט דער פאָטער געענטפערט דעם גענויען סכום וואָס דער בעל עבירה האָט געהאַט אין טאַש, און הערנדיג זייער קלעם, האָט ער נישט געוואוסט וואָס צו טוהן, צי ער זאָל דאָ ראַטעווען די פאַמיליע פון גרוב דורך באַצאָלן פאַר דעם רשעות'דיגן פריץ, אָדער ער זאָל ווייטער גיין אויפ'ן וועג. צום סוף, אָבער, האָט ער זיך געשטאַרקט אויף זיין יצר, און ער איז תיכף ומיד אַריבערגעגאַנגען צום 'פריץ', און אויסגעלייזט די משפחה, דורך באַצאָלן פאַר'ן 'פריץ' דעם גאַנצן חוב.

יענע מינוט, איז געוואָרן אַ גרויסער רעש אין הימל. עס זענען געווען מלאכים וואָס האָבן מלמד-זכות געווען אויף דעם פשוט'ן איד, וואָס האָט דאָ געראַטעוועט אַ גאַנצע אידישע משפחה, און אַנדערע ווידער, האָבן גע'טענה'ט אַז ער איז פאָרט אַ רשע און האָט אַלע זיינע יאָרן פאַרברענגט מיט זינדיגן רח"ל... ביז מ'האָט איהם אָפּגע'פּס'קענט אַז מ'שענקט איהם דעם כח צו בענטשן וועמען ער וויל נאָר, און אַז אַלעס וואָס ער וועט אַרויסזאָגן פון זיין מויל

זאָל פאַרווירקליכט ווערן. אָבער כדי ער זאָל נישט ווינטשן יעדן איינעם, האָט מען אויך באַשטימט ער זאָל ווערן אַ שיכור, די ער זאָל נישט זיין ביים קלאָרן זינען, און אַזוי איז טאַקע געווען, ער איז געוואָרן אַ שיכור.

אַמאָל איז געווען אַן עצירת גשמים, עס איז נישט אַראָפּגעקומען רעגן אַ לענגערע צייט. ווען מ'האָט געזעהן אַז עס איז אַ מצב פון 'כלו כל הקיצין', האָט מען געשיקט אַ דעלעגאַציע פון ראשי קהילות פון מערערע שטעט, צו היייליגן בעל שם טוב זי"ע, ער זאָל מתפלל זיין פאַר אידישע קינדער עס זאָל אַראָפּקומען רעגן פון הימל. דער בעל שם טוב הקדוש האָט אָבער געזאָגט, אַז עס איז אַ גזירה פון הימל וואָס ער קען ליידער נישט בטל מאַכן. ער האָט זיי אָבער געשיקט צו דעם דערמאַנטן פראָסטן מענטש, אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיי... צוגעבנדיג, אַז יענער איז אַ שיכור וואָס טרינקט טאָג און נאַכט, "מן הבוקר עד הערב, ועד בכלל"... איר דאַרפט דריבער - האָט דער בעל שם טוב געזאָגט צו די דערמאנטע ראשי הקהילה - איהם 'כאַפּן' אין די געציילטע מינוט ווען ער שטייט אויף פון שלאָף, און ווערט אויסגעניכטערט פון זיין פריערדיגן טרינקען, ביז צום קומענדיגן טרונק... אין אט די מינוטן ווען זיין קאָפּ איז נאָך קלאָר, זאָלט איר זיך איינשפּאַרן אַז ער זאָל מתפלל זיין עס זאָל קומען רעגן...

זענען די ראשי הקהילות אַריבערגעפאָרן אין דער שטאָט וואו דער איד האָט געוואוינט, און נאָכ'ן טוהן פאַרשידענע תחבולות, האָבן זיי איהם ענדליך געוונען אין אַ צייט ווען ער איז געווען קלאָר ביים דעת, און דערציילט אַז דאָס גאַנצע לאַנד ליידט פון 'עצירת גשמים', און זיי בעטן דעריבער ער זאָל מתפלל זיין צום באַשעפער עס זאָל קומען רעגן.

האָט דער איד געלאַכט פון זיי, אַז זיי זענען געקומען צו אַזאַ פשוט'ן נידערטרעכטיגן מאַן ווי ער, ער איז דאָך אַ שיכור וואָס האָט נישט אויף דער וועלט עפּעס מער ווי אַ ביטערער טראָפּן פון בראַנפען, און ווי אַזוי איז ער בכוח צו פועלן מיט זיין תפילה?... זיי האָבן איהם אָבער נישט נאָכגעלאָזט, זאָגנדיג אַז דער היייליגער בעל שם טוב האָט זיי געשיקט צו איהם, און געזאָגט אַז ער קען אויס'פועל'ן אין הימל עס זאָל קומען רעגן, און אַז זיי גלייבן אַלזאָ באמונה שלימה אַז ער קען פועל'ן אַ ישועה.

בלית ברירה, האָט דער איד אָנגעהויבן מתפלל זיין צום באַשעפער עס זאָל קומען רעגן פון הימל, און אַזוי ווי ער האָט נאָר אַרויסגעזאָגט די ווערטער "משיב הרוח", איז געקומען אַ שטאַרקער ווינט, און ווען ער האָט געזאָגט "משיב הרוח", האָבן אָנגעהויבן קומען 'גשמי ברכה' מיט אַ שפע פון הימל. ווען זיי זענען צוריקגעקומען צום בעל שם טוב און איהם דערציילט אַז דער איד האָט מתפלל געווען אויף רעגן און עס איז טאַקע אַראָפּגעקומען רעגן, האָט דער בעל שם טוב זיי דערציילט די מעשה וואָס האָט פאַסירט מיט איהם, און אַז פון הימל האָט מען אויסגערופן אַז אַלע זיינע בקשות זאָלן ערפילט ווערן.

לויט דעם האָט דער "חידושי הרי"ם" זי"ע געזאָגט, אַז דאָס זעלבע איז אין טאָג פון פורים, מ'קען דעמאָלס פועל'ן ישועות למעלה מדרך הטבע, אַזוי ווי יענער שיכור וואָס אַלע זיינע ברכות זענען מקוים געוואָרן, ווי עס איז מרומז אין דער מגילה (ז, ב) "מה שאלתך אסתר המלכה ותנתן לך". וועגן דעם האָבן חז"ל געזאָגט אַז מ'דאַרף טרינקען אין דעם טאָג פון פורים.

מ'דערציילט, אַז דעמאָלס ווען דער 'חידושי הרי"ם' האָט דערציילט די מעשה, און געזאָגט דאָס וואָרט וועגן פורים, זענען די חסידים צוגעקומען מיט קוויטלעך אַז דער רבי זאָל מתפלל זיין פאַר זיי להפקד בדבר ישועה ורחמים, האָט דער 'חידושי הרי"ם' זיך אָנגערופן:

- ווי עס ווייזט אויס, האָט איר נאָך נישט זוכה געווען צו די אמת'ע קדושה פון פורים... ווייל מ'דאַרף דאָך טרינקען און מבטל זיין דעם דעת מיט וויין.

איין יאָר פורים, האָט הרה"ק מסאטמאר זי"ע, דערציילט (איידער ער האָט אָנגעהויבן טרינקען כמצוות היום) אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט ביים ראָפּשיצער רב זי"ע, אַז ער איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָט וואו עס האָט זיך דעמאָלס אויך געפונען דער בעלזער רב הרה"ק מהר"ש זי"ע, און דער שר שלום איז אַרויסגעגאַנגען מקבל פנים זיין דעם ראָפּשיצער רב. שמועסנדיג, איז אַ פשוט'ער איד, אַ דאָרפסמאַן, צוגעקומען צום ראָפּשיצער רב און געבעטן אַ ברכה, זאָגנדיג, "לעולם אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך" (מגילה טו.)... האָבן די אָנוועזנדע חסידים זיך צעלאַכט פון דעם בקשה פון דעם פשוט'ן איד, אָבער דער ראָפּשיצער רב האָט געזאָגט צו דעם עולם: "לאַכט נישט, ער מיינט דאָך צו בעטן 'ברכת הדיוט', אַ פשוט'ע ברכה, ער וויל באַקומען געלט, און זוכה זיין צו בני חיי מוזמוני, 'פשוטו כמשמעו', און ער בעט נישט דאָ הויכע מדריגות...

**"ויאמר המלך לאסתר במשתה היין מה שאלתך וינתן לך", אַז דער זמן פון "משתה היין" איז אַן עת רצון צו בעטן פונעם באַשעפער ברוך הוא אַלע בקשות, "וינתן לך" - און ער וועט דיר אַלעס נאָכגעבן[י].**

---

מענינא דיומא, האָט דער סאַטמאַרער רב זי"ע געזאָגט בדרך רמז, אויף דעם פסוק (בראשית ט, כ) "ויחל נח איש האדמה ויטע כרם", ווייל רש"י זאָגט "ויחל - עשה עצמו חולין". "נח" איז משמע פון לשון מנוחה, ווי יום טוב ווען מרוהט זיך אָפּ. דאַרף מען פאַרשטיין, איז עס געווען אַ וואָכן טאָג ("חולין") אָדער אַ יום טוב? מוז מען זאָגן, אַז עס איז געווען 'יום טוב אין די וואָכן'... דאָס הייסט, פורים וואָס איז אַ יום טוב אין די וואָכן-טעג. אויף דעם דערציילט אונז דער פסוק, אַז דער דאָזיגער טאָג איז אונז געגעבן געוואָרן פאַר דעם 'איש האדמה'. דאָס מיינט, די 'ערדישע' בקשות וואָס פשוט'ע מענטשן בעטן אויף גשמיות. איז די צייט מסוגל דערפאַר ווען 'ויטע כרם', דאָס הייסט, ווען מ'טרינקט ווייַן און מ'שיכור'ט זיך אָהן ווי ס'איז די מצוות היום, ווי געזאָגט, אַז עס איז אַן עת רצון און די טויערן פון הימל זענען אָפען פאַר אונזערע תפילות.

**נ.** דער 'אמרי נועם' (לר"ח אדר, ד"ה "או יאמר בהקדם"), ברענגט אַ ראיה פון די מעשה וואָס ווערט דערציילט אין דער גמרא (מגילה ז:) אַז רבה האָט אַמאָל פורים זיך אָנגעטרינקען און 'גע'שחט'ן' רבי זירא'ן. צומאָרגנס, ווען ער האָט זיך אויסגעניכטערט פון זיין ווייַן, 'בעי רחמי ואחייה', האָט ער מתפלל געווען פאַר רבי זירא און ער איז געוואָרן לעבעדיג. זאָגט דער 'אמרי נועם', אַז פון דעם זעהען מיר אַז דער טאָג פון פורים איז מסוגל אויף אַלע סאָרטן ישועות און רפואות, למעלה מדרך הטבע, און אויך אַ חולה וואָס נויטיגט זיך אין אַ רפואה אין דער בחינה פון 'תחיית המתים', ווערן זיינע תפילות געענטפערט און ער ווערט געהאָלפן פון הימל.

דער 'אמרי נועם' גיט צו בדרך רמז, אַז די ווערטער ו'נאמן א'תה ל'החיות מ'תים ראשי תיבות ו'משלוח מ'נות א'יש ל'רעהו, און די סופרי תיבות פון די זעלבע ווערטער, ונאמ'ן את'ה להחיו'ת מ'תים זענען מתנ"ה, אַ רמז אַז דורך דעם וואָס איז מקיים די מצוות היום פון פורים, די מצוות פון משלוח מנות און מתנות לאביונים, איז מען בכוח מחיה מתים צו זיין.

אויך שרייבט דער "אמרי נועם", אַז דורך די מצוות פון משלוח מנות און מתנות לאביונים איז מען מבטל די 503 סאָרטן חולאים (ברכות ח. תשע מאות ושלשה מיני מיתה נבראו בעולם), און עס ווערט נשפע לעבן אויפ'ן מענטש.

אַמאָל פורים האָט דער קאַרלינער רבי, הרה"ק אברהם אלימלך זצ"ל הי"ד, באַגעגנט אַ יונגערמאַן מיט זיין קליינע טאָכטער, און איהם געפרעגט וואוהין ער גייט. האָט דער יונגערמאַן געענטפערט אַז דאָס קינד ליידט פון פאַרשידענע מיחושים און ער גייט יעצט מיט איר צום דאָקטאָר ער זאָל איר אונטערזוכן. האָט דער קאַלינער געפרעגט: "פורים, גייט מען צום דאָקטאָר? פורים איז דאָך דאָס טרינקען אַ רפואה!", או ער האָט איהם געגעבן משקה צו געבן פאַר'ן קליינעם מיידל, און דאָס קינד איז ב"ה אויסגעהיילט געוואָרן בשלימות.

הגה"ח רבי ישראל שמעון קאַסטעלאַניץ ז"ל ברענגט אַ מורא'דיגע מעשה, וואָס איז פאָרגעקומען ביי הרה"ק בעל "בית אברהם" זצ"ל פון סלאָנים (און רבי ישראל שמעון איז געווען דערביי), ווען ער איז געווען אַמאָל פורים אין דער שטאָט לאָדזש, פוילן:

ווען דער "בית אברהם" - וועלכער איז באַקאַנט געווען אַלס אַ "שטיק פייער" - איז געזעסן ביי דער פורים'דיגער סעודה, איז געקומען צו לויפן איינער פון די חסידים אין שטאָט, אַ יונגערמאַן, הרה"ח ר' יודל ריבאַק ז"ל, און מיט גרויסע בכיות דערציילט פאַר'ן רבי'ן, אַז זיין קינד, אַ קליין יונגעל, איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכן שטאָק און זיין קאָפּ ליגט אויפ'ן שטיין, און די דאָקטוירים שטייען דאָרט און זאָגן, אַז מען זאָל נישט רירן דאָס קינד, ווייל מ'קען נאָר ערגער מאַכן זיין מצב ח"ו.

האָט דער "בית אברהם" (וועלכער פלעגט ביי אַלע הזכרות באַפעלן צו געבן צדקה לעניי ארץ ישראל) געזאָגט פאַר ר' יודל, ער זאָל געבן דריי הונדערט זילבערנע רובל אויף צדקה פאַר עניי ארץ ישראל. האָט ר' יודל געזאָגט, אַז ער האָט נישט ביי זיך מזומן געלט, און ער קען שרייבן אַ טשעק. פרעגט איהם דער רבי, "אָבער דער טשעק וועט זיין גוט, נישט ווי דאָס פריערדיגע מאָל ווען דו האָסט געגעבן אַ טשעק?" (דאָס פריערדיגע מאָל, האָט ער געגעבן אַ 'טשעק' פאַר'ן 'בית אברהם', אָבער דער טשעק איז צוריקגעקומען פון באַנק אומאויסגעצאָלט). האָט ר' יודל געוויינט און געזאָגט: "ניין, דער איצטיגער טשעק וועט האָבן דעקונג", נאָר דער רבי זאָל פועל'ן אַ ישועה פאַר זיין קינד. האָט דער "בית אברהם" גענומען אַן עפּל וואָס איז געלעגן פאַר איהם אויפ'ן טיש, עס געוואָרפן צו ר' יודל, זאָגנדיג: "גיי אַהיים!", נעמענדיג דעם טשעק וואָס רבי יודל האָט אויסגעשריבן פאַר'ן רבי'ן.

צדיקים האָבן געזאָגט, אַז וועגן דעם פירט מען זיך אַריינצוציען די פּורים-סעודה אין דער נאַכט אַריין (רמ"א סי' תרצ"ה ס"ב, דרשות "חתם סופר", פורים תקפ"ט, ד"ה "וצא הלחם"), מרמז צו זיין אַז מ'וויל ממשיך זיין אַלע ישועות פון די פּורים'דיגע סעודה אין דער "נאַכט" אַריין, דאָס הייסט, אַלע צרות און יסורים ל"ע וואָס זענען אין דער בחינה פון "נאַכט".

עס שטייט אין 'מחזור ויטרי' (סי' תסה) בזה הלשון: פּורים, ווען יעדער מענטש איז מאריך צו זיצן ביי

---

האָט ר' יודל געזאָגט, אַז ער האָט מורא אַהיים צו גיין... ער האָט מורא אַפילו צו טראַכטן וואָס עס טוט זיך אָפּ דאָרט ביי איהם אינדערהיים! זאָגט דער "בית אברהם" נאָך אַמאָל צו ר' יודל: "גיי אַהיים!".

ר' יודל איז אַהיים געגאַנגען (און רבי ישראל שמעון האָט דערציילט, אַז ער איז איהם נאָכגעגאַנגען אַהיים, צוזאַמען מיט נאָך עטליכע חברים). ווען ר' יודל איז געקומען אַהיים, האָט ער געזעהן ווי דאָס יונגעלע דרייט זיך אַרום אין שטוב כאחד האדם...

אַוודאי איז דער נס אויך געקומען אַדאַנק די צדקה פאַר עניי ארץ ישראל וואָס ר' יודל האָט געגעבן, און מיט'ן גרויסן און הייליגן כוח פונעם 'בית אברהם', אָבער עס איז קלאָר אַז עס איז געווען אַ 'זמן גרמא' - די סעודת 'משתה היין' פון פּורים האָט אויסגעפּועל'ט די ישועה פאַר ר' יודל'ן אַז זיין זון זאָל אויפשטיין פון טויט צו לעבן, און ממילא דאַרפן מיר אויך אַכטונג געבן נישט צו פאַרלירן אַפילו איין מינוט פונעם הייליגן טאָג פּורים.

איינער פון די קאַרלינער חסידים אין ירושלים האָט יאָרן לאַנג נישט געהאַט קיין קינדער, און ער פלעגט זיך שטענדיג מזכיר זיין פאַר'ן רבי'ן הרה"ק רבי אברהם אלימלך זצ"ל הי"ד. דער קאַרלינער פלעגט איהם אָבער יעדעס מאָל ענטפערן בשפה רפה, און צומאָל האָט ער איהם אינגאַנצן נישט געענטפערט, און דער חסיד האָט פאַרשטאַנען דערפון אַז די שערי ישועה זענען ליידער דערוויייל פאַרשלאָסן פאַר איהם געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער. ער האָט אָבער נישט אויפגעגעבן האָפענונג, נאָר ער האָט זיך כסדר מזכיר געווען פאַר'ן רבי'ן, געהאָלפן צו ווערן בדבר ישועה ורחמים.

אַמאָל פּורים, ווען דער יונגערמאַן איז אַריינגעקומען אין קאַרלינער שול אין ירושלים, האָט ער דאָרט באַגעגענט דעם עולם טרינקען כמצוות היום, און פונקט יענע מינוט האָט זיך אויסגעלאָזט דער וויין אין שול, און "כטוב לב המלך ביין", זייענדיג אָנגעטרינקען, האָבן זיי געזאָגט צו זייער חבר דעם יונגערמאַן, אַז אויב ער וועט זיי ברענגען משקה צו טרינקען, וועט ער זוכה זיין צו האָבן אַ בן זכר ביז'ן קומענדיגן יאָר...

דער יונגערמאַן האָט אָנגענומען ערענסט זייערע ווערטער, און איז אַרויסגעגאַנגען און אויפגעזוכט עטליכע פלעשער וויין, און עס געברענגט אין שול. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז די חסידים האָבן זיך זייער געפרייט מיט'ן וויין, און האָבן פאָרגעזעצט די סעודה אין אַ געהויבענע שטימונג.

נאָך פּורים איז דער גאַנצער ענין פאַרגעסן געוואָרן פונעם עולם, ווי אויך פונעם יונגערמאַן דער בעל העובדא. עס זענען דורכגעגאַנגען וואָכן און חדשים, און דער יונגערמאַן איז דערוויייל נישט געהאָלפן געוואָרן.

אַ קורצע צייט שפּעטער, איז ער געווען ביים רבי'ן אין קאַרלין, און ווי יעדעס מאָל, האָט ער אַריינגעשריבן אין קוויטל, אַז ער דאַרף געהאָלפן ווערן מיט זרע של קיימא.

ווען הרה"ק רבי אברהם אלימלך האָט אַריינגעקוקט אין קוויטעל, האָט ער געזעהן אַז דער יונגערמאַן איז שוין אַ געהאָלפענער... ער האָט איהם געפרעגט, "איך זע אַז דו ביזט שוין געהאָלפן, זאָג מיר, ווער האָט גע'פּועל'ט פאַר דיר די ישועה?!...".

האָט דער יונגערמאַן געענטפערט אַז ער האָט גאָרנישט געטוהן, און איז נישט געווען ביי אַן אַנדערן צדיק. דער קאַרלינער האָט אָבער געדרוקט אויף איהם אַז ער זאָל זיך דערמאנען וואָס ער האָט געטוהן געהאָלפן צו ווערן מיט אַ קינד (ווייל ווי געזאָגט, איז זיין מצב פריער געווען גאָר אַ שווערער), האָט דער יונגערמאַן זיך דערמאַנט פון דער מעשה וואס איז פאָרגעקומען פּורים, אַז דער עולם אין קאַרלינער שול אין ירושלים האָט איהם געזאָגט אַז אויב ער וועט ברענגען נאָך וויין צו די סעודה, וועט ער געהאָלפן ווערן ביז אַ יאָר מיט אַ בן זכר...

הערנדיג זיינע ווערטער, האָט דעם קאַרלינער'ס צורה אויפגעלויכטן, און ער האָט איהם געזאָגט:

- אויב אַזוי, איז דאָך פאַרשטענדליך. ווען מיר האָבן געקוקט אין קוויטל, האָבן מיר געזעהן אַז ס'איז נישט שייך דו זאלסט געהאלפן ווערן מיט קינדער, אָבער אַז אידן זיצן צוזאַמען, און זיי וייסן פון גאָרנישט, קענען זיי שפּאַלטן אַלע הימלען, ביז'ן כסא הכבוד. ממילא, איז נישט קיין וואונדער אַז זיי האָבן גע'פּועל'ט פאַר דיר אַ ישועה!

זיין סעודה, און פון הימל ערפילט מען זיינע פאַרלאַנגען. דאָס הייסט, אַז ביי די סעודה פון פורים, ערפילט מען אין הימל אַלע אונזערע תפילות און בקשות.

**עס** ווערט געברענגט אין נאָמען פון הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט אַז ביי דער טרינק-סעודה פון פורים, קען יעדער מענטש צוקומען צו די מדריגה פון אדם הראשון פאַר'ן חטא עץ הדעת, און אויף דעם זאָגן חז"ל, "חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע", דאָס הייסט, מ'זאָל צוקומען צו אַ מצב און צו אַ תיקון וואָס איז געווען 'פאַר די ידיעה' פונעם עץ הדעת [וואָס איז געקומען צוליב דעם וואָס אדם און חוה האָבן געוואָלט וויסן: 'והייתם כאלקים יודעי טוב ורע' (בראשית ג, ה)], ווייל דער ווייָן מאַכט בטל די דעה און דאָס עצמיות פונעם מענטש, און דורך דעם איז ער בכח צו דערהייבן זיך צו ווערן אינגאַנצן רוחניות, און מסיח דעת צו זיין פון זיין חומריות'דיגן און גשמיות'דיגן חלק, און אויסצוגיסן זיך דאָס האַרץ און תשובה טוהן פאַר דעם אויבערשטען.

**מ'דאַרף** אָבער זעהן דערצו אַז די עבודה פונעם טרינקען אין פורים זאָל זיין פאַר דעם אויבערשטען'ס וועגן, און נישט חלילה פאַר'ן חלק התאוה צו טרינקען, ווי דער געוועזער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע זאָגט ("אמרי אמת", ליקוטים, מגילה ז:) בסומ"י ראשי תיבות ס'מר מ'פחדך ב'שרי ו'מפחדך י'ראתי. דאָס איז אַ רמז, אַז דאָס טרינקען אין פורים דאַרף זיין לשם שמים, עכ"ל.

**לא יבושו ולא יכלמו - נישט פאַרשעמען אַ צווייטן, אויך ווען ס'איז 'עד דלא ידע'**

**מורא'דיגע** ווערטער שרייבט דער גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זי"ע ('יערות דבש', ח"א, דרוש ג'), די גמרא זאָגט (מגילה טו:) אַז ווען אסתר המלכה איז אַריינגעקומען אין הויז פון אחשוורוש, האָט די שכינה זיך אָפּגעטוהן פון איר. האָט אסתר געזאָגט: 'א-לי א-לי למה עזבתני'. אפשר איז מעגליך, אַז דערפאַר האָט די שכינה זיך אָפּגעטוהן ווייל איך האָב גערופן אחשוורוש'ן מיט'ן נאָמען 'כלב', ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כב, כא) 'הצילה מחרב נפשי מיד כלב יחידתי'. דערנאָך האָט זי איהם גערופן 'אריה' - אַ לייב, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שם שם כב) 'הושיעני מפי אריה'.

**זאָגט** דער רבי ר' יהונתן, אַז מיר זעהען דאָ אַ מורא'דיגע זאַך. דאָ רעדט מען דאָך וועגן אחשוורוש, דער צורר היהודים וואָס ער האָט בטל געמאַכט די עבודה פון בית המקדש, און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה צו פאַרטיליגן דעם גאַנצן אידישן פאָלק ח"ו, און פונדעסטוועגן, האָט אסתר המלכה פאַרשטאַנען, אַז זי האָט געטוהן אַן עוולה ווען זי האָט באַצייכנט אחשוורוש אַלס 'הונט', און זי האָט אַפילו געהאַלטן אַז צוליב דעם האָט די שכינה זיך אָפּגעטוהן פון איר. ממילא, איז אַ קל וחומר, ווי ווייט עס דערגרייכט דער פגם פון איינעם וואָס רופט אָן אַ צווייטן איד מיט אַ צונאָמען.

די גמרא זאָגט (מגילה ז:) 'מיחייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי'. מיט די גאַנצע חשיבות און מעלה פון 'לבסומי', דאַרף מען זיך אָבער זייער שטאַרק אָפּהיטן נישט נכשל צו ווערן חלילה, ווייל דער וואָס איז נישט נזהר דערין, און ווען ער איז אָנגעטרינקען טשעפּעט ער חלילה מיט זיין שאַרפע צונג אַפילו איין נפש אחת מישראל, איז אַוודאי בעסער פאַר איהם ער זאָל נישט טרינקען, כדי ס'זאָל נישט זיין אַ בחינה פון 'יצא שכרו בהפסדו'[נא], ווייל חז"ל האָבן נאָר געזאָגט 'עד דלא ידע', אַז דורכ'ן טרינקען זאָל בטל ווערן דער דעת פון דעם מענטש וואָס טרינקט, אָבער חז"ל האָבן זיכער נישט מתיר געווען פאַר'ן מענטש גורם צו זיין מיט'ן טרינקען, אַז אויך זיין חבר זאָל צוליב איהם ח"ו אַראָפּ פון זינען, דורך דעם וואָס ער טשעפּעט יענעם און פאַרשעמט איהם.

---

**נא.** די ספרים זאָגן אַ רמז, פון איין זייט, איז 'שכור' ראשי תיבות ו'שפתותינו ש'בח כ'מרחבי ר'קיע, ווייל דורכ'ן טרינקען פורים, קען מען זיך דערהייבן מיט די שטאַרקסטע בחינה פון שמחה ביז מ'קומט צו דאַנקען דעם אויבערשטען, 'לבי ובשרי ירננו לקל חי', און 'כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך', אָבער פון דער צווייטער זייט, איז 'שתוי' (אָנגעטרינקען) ראשי תיבות 'שמר ת'ם ו'ראה י'שר (תהלים לז, לז), ווייל מ'דאַרף האָבן אַ גרויסע שמירה אַז די שיכרות זאָל זיין לשם שמים, און אַז דער שבח והודיה זאָל טאַקע זיין 'כמרחבי רקיע', מ'זאָל דאַנקען ערליך דעם אויבערשטען, און נישט פאַרקערט ח"ו.

**אויף** דעם האָט געזאָגט דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל 'אהבת ישראל' זי"ע, אַז די ראשי תיבות פון ע'ד ד'לא י'דע איז 'ידע'. מ'דאַרף האָבן אַ גרויסע ידיעה ווי אַזוי מקיים צו זיין דעם מאמר חז"ל.

**ס'איז** פשוט און פאַרשטענדליך, אַז אויף אַזאַ אופן זאָל מען זיך ענדערש פאַרלאָזן אויף די גדולי הפוסקים ('יד אפרים', געברענגט ווייטער), אַז דאָס וואָס חז"ל האָבן געזאָגט אַז פורים דאַרף מען זיך אָנטרינקען 'עד דלא ידע', האָבן זיי דערמיט געמיינט צו זאָגן, 'עד, ולא עד בכלל', און אַזוי שרייבן אַסאַך אחרונים (או"ח סי' תרצ"ה, און אין די פוסקים, דאָרט), אַז דער חיוב איז נאָר צו טרינקען 'יותר מלימודו' - מער ווי מ'איז געוואוינט צו טרינקען אַ גאַנץ יאָר, אָבער נישט מער פון דעם.

**דעריבער**, דער וואָס וויל זיך אָנטרינקען, טאָר ער עס נישט טוהן נאָר אויב ער ווייסט אויף זיכער אַז ער וועט נישט טשעפּען און מצער זיין אַן אַנדערן איד, אָבער אויב ער האָט אַפילו אַ ספק-ספיקא אַז ער וועט זיך נישט קענען היטן דערפון, איז קלאָר אַז ס'איז בעסער ער זאָל זיך צוריקהאַלטן 'בשב ואל תעשה' פון שיכרות[נב].

**אין** זכות פון די דאָזיגע זהירות, ווערט מען געבענטשט מיט אַלע ברכות, ווי עס שרייבט דער 'מטה משה' (סי' תתר"ב), ווי ווייט ס'איז אַ חיוב אַכטונג צו געבן אַז דאָס טרינקען זאָל נישט צוברענגען דעם מענטש צו אַ מצב פון שיכרות און מזלזל צו זיין אין הלכות פון די תורה, אַזוי ווי נטילת ידים, ברכת המזון, און תפילה.

**דער** 'מטה משה' פירט אויס בזה הלשון: און יעדער איינער וואָס גייט אין די פוסטריט פון אונזערע הייליגע חכמים צו טוהן די אַלע זאַכן לויט זייער וועג (דאָס הייסט, אַכטונג צו געבן מ'זאָל נישט נכשל ווערן דורכ'ן טרינקען אין פורים), און זיי פרייען זיך ווען זיי געדענקען אַלע ניסים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט אונזער עלטערן, וועלן זיינע קינדער זיין אַזוי ווי זיי, און אין אַלעם וואָס זיי וועלן טוהן, וועלן זיי מצליח זיין, עכ"ל.

**אַזוי** שרייבט אויך קלאָרע ווערטער, דער 'כל בו' (סוף הלכות פורים): 'חייב איניש לבסומי בפוריא' - דער מענטש איז מחויב זיך אָנצוטרינקען אין יום טוב פורים[נג], אָבער נישט אַז ער זאָל ווערן שיכור, ווייל שיכרות איז אַן איסור גמור, און ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערע עבירה ווי דאָס. עס קען צוברענגען צו גילוי עריות און שפיכות דמים רח"ל און אַנדערע עבירות. מ'זאָל נאָר טרינקען אַביסל מער ווי מ'איז געוואוינט צו טרינקען במשך פונעם יאָר, כדי מ'זאָל זיך פרייען, און דערפרייען די הערצער פון די אָרימעלייט, און זיי טרייסטן און באַרואיגן. דאָס איז אַ שמחה בשלימות.

**נאָך** אַ סמך דערצו זעהט מען פון די ווערטער פון דעם גאון רבי אפרים זלמן מרגליות זצ"ל פון

---

**נב.** מיר זענען אַביסל מאריך אין דעם ענין, ווייל מיר האָבן אַליין געזעהן ביי אַ שמחת שבע ברכות וואָס מ'האָט איינגעאָרדענט פאַר אַ חתן בעצם יום הפורים, וואָס אינמיטן די סעודה איז איינער פון זיינע חברים אויפגעשטאַנען פון אָרט 'כטוב לבו ביין', און האָט זיך גענומען דערמאַנען דעם חתן 'מעשיו הראשונים', בפני קהל ועדה. ער האָט יעצט געפונען אַן אָרט 'איינצומאַנען' אַן 'אַלטן חוב'... און כאַטש אויסערליך, כלפי חוץ, האָט דער חתן אַרויסגעוויזן אַ פריילעך פנים, אָבער איך ווייס אַז נאָך די סעודה האָט ער זיך פאַרמאַכט אין אַ צימער, און געוויינט בדמעות שליש צוליב די שטעכעדיגע ווערטער וואָס האָבן איהם וויי געטוהן ווי מ'וואָלט איהם געשטאָכן מיט אַ שווערד ח"ו.

ממילא, לאָמיר זיך גוט באַטראַכטן, צי דען האָבן חז"ל געמיינט אַזאַ סאָרט אָנטרינקען?! ס'איז דאָך נישט מעגליך אַז אַ מצוה זאָל ברענגען אַ מענטש צו אַן עבירה ח"ו, בפרט אַן עבירה פון הלבנת פנים וואָס איז אַזוי ווי שפיכות דמים רח"ל. ממילא, אויב ס'איז דאָ אַן אָרט פאַר אַ חשש, איז פשוט אַז מ'טאָר אינגאַנצן נישט טרינקען קיין ווין, און 'שב ואל תעשה עדיף'.

**נג.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'דברי שלום' (להרה"ק רבי שלום מבראהין זצ"ל) אין נאָמען פון זיין זיידן, דער קוידינובער רבי הרה"ק רבי שלמה חיים זצ"ל, אַז דעריבער האָבן חז"ל מדייק געווען אין זייער לשון און געזאָגט, מיחייב איניש לבסומי 'בפוריא', עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי, און זיי האָבן נישט געזאָגט 'לבסומי ביין'. ווייל דער מענטש דאַרף זיך פרייען מיט'ן טאָג פון פורים, און דער ווין זאָל זיין נישט מער ווי אַ מיטל אָוועקצונעמען פון איהם דאָס עצבות און די דאגות וואָס נעמען אַרום אַלע טעג פון יאָר, און די שמחה זאָל זיין מיט'ן עצם טאָג פון פורים.

**בראָד** (יד אפרים' על שו"ע, סי' תרצ"ה, בדברי הט"ז סק"א) אין דעם ענין פון 'עד דלא ידע': איך האָב געזעהן ביינאַכט אין חלום, אַז די כוונה פון 'עד דלא ידע' איז דער עיקר חיוב פון טרינקען איז אַז דער מענטש זאָל זיין פרייליך, 'ויין ישמח לבב אנוש'. אויב דער מענטש וועט זיין פרייליך, וועט זיין 'חדות ה' מעוזו', און ער וועט דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטען פאַר'ן נס מיט אַ הרחבת הלב וכו'. צוליב דעם טאָר מען זיך נישט צופיל אָנטרינקען אויף אַן אופן אַז מ'וועט ווערן צעטומלט, און מ'וועט אינגאַנצן נישט אנערקענען דעם גרויסן נס.

**און** אויף דעם זאָגן חז"ל, 'חייב אדם לבסומי בפוריא עד דלא ידע'. 'עד' מיינט 'ולא עד בכלל'. דער גדר פונעם חיוב צו טרינקען איז, מ'זאָל ווערן אָנגעטרינקען ביז די גרעניץ פון 'דלא ידע', ווייל אויב ער טרינקט מער ווי דאָס, איז דער ביטול פון די כוונה פון די חכמים וואָס זיי האָבן געזאָגט 'לבסומי', כדי צו געבן אַ לויב און דאַנק פאַר דעם אויבערשטען, ווייל וויבאַלד זיין דעת ווערט אַזוי צעטומלט, איז דאָך פשוט אַז ער האָט נישט קיין שכל און פאַרשטאַנד צו לויבן און רימען דעם באַשעפער פאַר דעם גרויסן נס.

**רבי** אפרים זלמן מרגליות פירט אויס: אינדערפרי, ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָב איך זיך מתבונן געווען אין דעם וואָס איך האָב געזעהן אין חלום, און איך האָב געזעהן אַז עס איז ריכטיג.

**לויט** דעם, זאָגט ער אַ טעם פאַרוואָס חז"ל האָבן געשטעלט באַלד נאָך די מימרא פון 'חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע', אויך דעם סיפור אַז רבה האָט גע'שחט'ן רבי זירא ביי די פורים'דיגע סעודה. לכאורה איז שווער, די מעשה איז דאָך אַ 'מעשה לסתור', ווייל אויב עס קען אַרויסגעקומען אַזאַ מכשול פונעם טרינקען, ווי דאָס וואָס רבה האָט גע'שחט'ן רבי זירא, איז דאָך משמע פון דעם, אַז ס'איז נישט ראוי זיך אָנצו'שיכור'ן.

**זאָגט** רבי אפרים זלמן, לויט זיינע אויבן-דערמאנטע ווערטער, אַז די כוונה פון די גמרא איז טאַקע, אַז דאָס טרינקען דאַרף זיין מיט אַ גרעניץ, מ'טאָר זיך נישט אָנשיכור'ן, ווייל מ'זעהט דאָך וואָס האָט פּאַסירט מיט זיי, ווייל זיי האָבן זיך נישט אָפּגעהיטן פון אַריבערגיין די גרעניץ וויפיל מ'מעג טרינקען, איז עס צוגעקומען צו אַ סכנה. דעריבער דאַרף מען זיך היטן זיך אָנצוטרינקען, נאָר ביז 'עד דלא ידע', אָן אַריבערגיין די דאָזיגע גרעניץ.

**דאָס** ענין פון טרינקען אין פורים, איז נאָר כדי אויפצוהייבן דאָס האַרץ העכער פון גשמיות און חומריות, און דורך דעם איז דער מענטש אימשטאַנד צו לויבן דעם אויבערשטען מיט אַ פרייליך האַרץ פאַר די ניסים און נפלאות. אָבער דער וואָס שיכור'ט זיך אָפּ ווי די שיכרות פון לוט, פאַרלירט ער דעם דעת, און ער קען בכלל נישט דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר'ן נס. און נאָך מער: ער איז עלול אָנצוקומען צו טוהן האַרבע איסורים ח"ו. 'הרבה שיכרות עושה'.

**אדרבה!** איינע פון די עיקר עבודות פון דעם הייליגן יום טוב פורים, איז משלוח מנות "איש לרעהו" - מ'זאָל פאַרמערן אין די מדה פון אהבת ישראל, מ'זאָל צולייגן אויגן און האַרץ צו העלפן אַ צווייטן.

**צדיקים** האָבן געזאָגט, אַז דער גאַנצער כוח פון המן הרשע איז געווען מיט זיין טענה, "ישנו עם אחד מפוזר ומפורד" (אסתר ג, ח), אַז די אידן זענען נישט פאַראייניגט און האָבן נישט ליב איינער דעם אַנדערן, נאָר זיי זענען "מפוזר ומפורד", צעשפּרייט און צעטיילט. אויף דעם האָט אסתר המלכה געשיקט זאָגן פאַר מרדכי הצדיק (אסתר ד, טז) "לך כנוס את כל היהודים", גיי און זאַמל-איין אַלע אידן, ווייל דער ערשטער "מעדיצין" בטל צו מאַכן די גזירה איז צוזאַמענצונעמען אַלע אידן, זיי זאָלן זיין "כאיש אחד בלב אחד"[נד].

**צוליב** דעם טעם האָבן חז"ל מתקן געווען צו שיקן "משלוח מנות איש לרעהו", כדי צו פאַרמערן

**נד.** אַ חשוב'ער יונגערמאַן פון אונזער חבורה אין בית שמש, הרה"ג ר' יוסף מאיר שליט"א, וואָס איז געוואוינט צו הערן די מגילה אין אַ געוויסע שול, וואו עס לייענט אַ חשוב'ער בעל קורא מיט אַ מתיקות און מיט דקדוק הלשון, איז עטליכע יאָר צוריק, געגאַנגען פאַר מגילה-לייענען זיך טובל'ען אין מקוה וואָס געפינט זיך אונטער אַ בית המדרש וואָס שטייט אונטער דער נשיאות פון אַ געוויסן רבי'ן, וואָס האָט יענעם יאָר פורים זיך געפונען אין אויסלאַנד. אַרויסגייענדיג פון מקוה, האָט איהם באַגעגנט דער זון פון יענעם רבי'ן, און איהם געלאָזט וויסן אַז ער

ליבשאַפט צווישן איין איד און דעם אַנדערן, און אַזוי אויך די מצוה פון "מתנות לאביונים"[נה].

**עס** איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער רמב"ם ז"ל (הלכות מגילה, פ"ב, הי"ז), אַז ס'איז בעסער פאַר דעם מענטש צו פאַרמערן ביים עוסק זיין אין די מצוה פון "מתנות לאביונים", ווי צו פאַרמערן ביי די סעודה און "משלוח מנות", ווייל די גרעסטע און שענסטע שמחה איז ווען מ'דערפרייט די הערצער פון אָרימעלייט און יתומים, און אלמנות און גרים, ווייל דער וואָס דערפרייט די הערצער פון די צובראָכענע מענטשן ווערט צוגעגליכן צו די שכינה, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה נז, טו) "להחיות רוח שפלים, ולהחיות לב נדכאים".

**באמת** געפינען מיר, אַז די שטאַרקייט פונעם נס איז געווען נאָר אַדאַנק דעם וואָס איינער האָט געזאָרגט פאַר'ן צווייטן, און געוואָלט טוהן גוטס מיט איהם[נו], ווי עס שרייבט דער "שפת אמת" זי"ע (תרל"ז, ד"ה "ובכל"), אויפ'ן פסוק (אסתר ב, יא) "ובכל יום ויום מרדכי מתהלך", אַז אַלע זאַכן וואָס ווערן דערמאנט אין דער מגילה (אויך דאָס אַז מרדכי איז יעדן טאָג געגאַנגען זעהן וואָס אסתר מאַכט), זענען פאַסירונגען וואָס האָבן אויסגעפעהלט פאַר'ן נס. אַוודאי איז עס אַ גרויסע זאַך, אַז פיר אָדער פינף יאָר זינט אסתר איז גענומען געוואָרן אין אחשוורוש'עס קעניגליכן פּאַלאַץ, איז מרדכי געגאַנגען טאָג-טעגליך כדי צו זעהן וואָס אסתר מאַכט, צוליב דעם ווייל זי איז געווען אַ יתומה און איז געווען איינגעשפּאַרט אין הויז פון דעם גוי אחשוורוש, און אין דעם זכות האָט מרדכי זוכה געווען צום נס.

**אויך** זאָגט דער פּסוק (אסתר ג, ד) "באמרם אליו יום יום" וגו' (די שרים פון אחשוורוש האָבן יעדן טאָג געזאָגט צו מרדכי אַז ער זאָל זיך בוקן צו המן, און ער האָט זיך נישט געוואָלט בוקן צו איהם), דורך דעם וואָס ער איז געגאַנגען יעדן טאָג זעהן אסתר'ס פרידן, האָט ער זוכה געווען דערצו,

---

איז דער "ניינטער" מענטש צום מנין... ער האָט באַלד געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, און כאָטש ער האָט געהאַט גרויס חשק צו הערן די מגילה ביי יענעם בעל קורא וואָס איז אַ מומחה, האָט ער אָבער פאַרשטאַנען אַז ס'איז וויכטיג צו טוהן אַ טובה פאַר אַ צווייטן איד, און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן דאָרט הערן די מגילה אין דעם בית המדרש וואו ער האָט אויסגעפעלט צום מנין.

אין צוגאָב דערצו, האט ער זיך פאַרבונדן מיט זיינעס אַ חבר, ר' יחזקאל, אַז אויך ער זאָל קומען משלים זיין צום מנין. נאָך דעם ווי דער חבר איז אָנגעקומען, האָבן זיי זיך אָפּגעשמועסט, מיר ווייסן דאָך אַז "מצוה גוררת מצוה", און דער בעל קורא אין דער שול וואו זיי געפינען זיך יעצט, איז ליידער אַ חשוך בנים רח"ל, און די צייט ווען מ'לייענט די מגילה איז דאָך אַן עת רצון, ספּעציעל אַז זיי זענען יעצט מקיים די מצוה פון גמילות חסדים (זייענדיג משלם צום מנין) און זיי זענען בכוח מתפלל צו זיין פאַר יענעם אַז ער זאָל געהאָלפן ווערן. ממילא, איז כדאי פאַר זיי מקדיש צו זיין דאָס גאַנצע מגילה-לייענען צו בעטן פאַר דעם בעל קורא אַז ער זאָל איניגיכן געהאָלפן ווערן מיט אַ ישועה. אַ וואָך שפּעטער, איז דער בעל קורא טאַקע געהאָלפן געוואָרן פון זיין צרה, און ניין חדשים נאָך פורים האָט מען געהערט די גוטע בשורה אַז עס איז געבוירן געוואָרן ביי זיי אַ קינד, אין אַ מזל'דיגער שעה.

**נה.** לויט דעם, האָט דער גערער רבי, הרה"ק בעל "פני מנחם" זי"ע, געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס ביי משלוח מנות דאַרף מען געבן צוויי זאַכן ("מנות"), און ביי מתנות לאביונים, איז גענוג צו געבן איין מתנה פאַר דעם אָרימאַן, ווייל בטבע, ווערט ערוועקט ביי אַ מענטש דאָס רחמנות ווען ער זעהט אַן אָרימאַן, דעריבער האָט מען נישט געהייסן געבן פאַר דעם אָרימאַן מער ווי איין מתנה, אָבער ביי משלוח מנות, איז דאָך די טבע פון מענטשן נישט צו געבן פאַר'ן חבר מיט אַן "עין טובה", און ער איז מקנא דעם חבר וואָס ער האָט, וועגן דעם האָט מען מתקן געווען צו געבן צוויי "מנות" דייקא, כדי מ'זאָל זיך איינגעוואוינען מיט די מדה פון אַ גוט אויג, צו געבן מיט אַ ברייטהאַרציגקייט און מיט ליבשאַפט פאַר אַ צווייטן איד.

**נו.** הרה"ק רבי מרדכי'לע קוזמירער זי"ע זאָגט ("מאמר מרדכי", לפורים) אַז מ'האָט נישט געקענט אונטערטעניגן און צוברעכן די שטאַרקע קליפה און טומאה פון המן, וואָס די גמרא זאָגט וועגן איהם (מגילה יג:) אַז עס איז נישט געווען נאָך אַ מענטש וואָס האָט געקענט רעדן לשון הרע, אַזוי ווי המן. דער איינציגער כח וואָס האָט געקענט צוברעכן די קליפה פון המן, איז געווען דער קעגנגעזעצטער כח פון שמירת הלשון, וואָס מיר געפינען אַז אסתר האָט געהיטן איר מויל, נישט דערציילנדיג פון וועמען זי שטאַמט, "אין אסתר מגדת מולדתה".

מנצח צו זיין המן הרשע און איהם אויפרעגן יעדן טאָג פונדאָסניי, עכ"ל.

**וכדי בזיון וקצף - זוכה געווען צו בזיונות? ניין אויס דעם שעת הכושר**

**די** גמרא זאָגט (מגילה יב.) אויפ'ן פסוק (אסתר א, ז) 'וכלים מכלים שונים', אַז דער רשע אחשוורוש האָט זיך באַנוצט מיט די כלים פון בית המקדש ביי די סעודה וואָס ער האָט געמאַכט אין דריטן יאָר פון זיין קעניגרייך. רבא האָט געזאָגט, אין יענע שעה איז אַרויס אין הימל אַ 'בת קול' און האָט געזאָגט, די פריערדיגע קעניגן זענען געשטאָרבן צוליב די כלים פון בית המקדש, און דו נוצסט זיי נאָך אַמאָל?

**דאָס** האָט טאַקע געברענגט די שטראָף אויף ושתי אַז זי זאָל שטאַרבן, ווי די גמרא זאָגט (מגילה יא:) 'אפיק מאנא דבי מקדשא ואשתמש בהו'. אחשוורוש האָט אַרויסגענומען די כלים פון בית המקדש און ער האָט זיך באַנוצט מיט די כלים ביי די סעודה. איז געקומען דער שטן און האָט געטאַנצט צווישן זיי, און ער האָט אומגעברענגט ושתי.

**איז** שווער, פאַרוואָס איז ושתי געשטראָפט געוואָרן, און נישט אחשוורוש? מיר געפינען דאָך אַז בלשאצר, דער קעניג פון בבל, איז גע'הרג'עט געוואָרן אין דער זעלבער נאַכט ווען ער האָט זיך באַנוצט מיט די כלים פון בית המקדש.

**ענטפערט** דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל, ווייל דער מדרש זאָגט (ילקוט מדרשים ערך 'רבינו הקדוש', און זעה ר"ה יז.) אַז רב הונא דער זון פון רבי יהושע בן לוי איז געוואָרן שוואַך און ער איז עטליכע טעג און נעכט געווען אויפ'ן עולם העליון. ווען ער איז געזונט געוואָרן און איז צוריקגעקומען אויף דער וועלט, האָט ער געזאָגט פאַר זיינע תלמידים: מיינע קינדער, וואויל איז פאַר דעם וואָס 'שטייט נישט' אויף זיינע מדות, נאָר ער איז מוותר פאַר אַ צווייטן. שווערע מחנות פון מלאכי השרת זענען געקומען מלמד-זכות זיין אויף מיר, אָבער מ'האָט נישט אָנגענומען זייערע ווערטער, ביז ס'איז געקומען איין מלאך און האָט געזאָגט, אויף וועמען זענט איר מלמד-זכות? מעגליך אויף דעם מענטש וואָס איז קיינמאָל נישט געשטאַנען אויף זיינע מידות, נאָר ער איז געווען אַ 'מעביר על מדותיו', און מ'האָט מיך באַלד צוריקגעשיקט צו לעבן ווייטער אויף דער וועלט.

**זעהען** מיר פון די ווערטער, אַז דער זכות פון אַ וויתור ראַטעוועט דעם מענטש פון טויט צום לעבן, כפשוטו ממש[נז].

**זאָגט** רבי שלמה קלוגער, ביי די סעודה וואָס אחשוורוש האָט געמאַכט, האָט אחשוורוש באַפוילן 'לעשות כרצון איש ואיש'. ער איז נישט געשטאַנען אויף זיינע פרינציפן, אַז יעדער איינער מוז פאָלגן דווקא וואָס ער הייסט טוהן[נח]. אט דער 'וויתור' האָט געראַטעוועט אחשוורוש'ן פון דעם עונש, נאָר ושתי, וואָס האָט זיך געפירט אַזוי ווי אַ קעניגין ביי די סעודה, ווי דער פסוק זאָגט 'עשתה משתה נשים בית המלכות', און אַלע האָבן איר געדאַרפט פאָלגן, האָט דער שטן איר גע'הרג'עט.

**אויך** ווערט געברענגט אין ספרים, אַ טעם פאַרוואָס אחשוורוש איז געראַטעוועט געוואָרן פון דעם

---

**נז.** מ'דאַרף גוט אַריינלייגן אין האַרץ די ווערטער פון חז"ל (מגילה יב:) אַז מרדכי הצדיק (בן יאיר, בן 'שמעי') איז געבוירן געוואָרן נאָר אין זכות פון דעם וואָס דוד המלך ע"ה איז געווען אַ 'מעביר על מדותיו', און האָט נישט גע'הרג'עט שמעי בן גרא, כאָטש ער האָט איהם געשאָלטן, ווייל דוד האָט געגלייבט אַז דער אויבערשטער האָט אַזוי געהייסן, ווי דער פסוק זאָגט (שמואל ב טז, י) 'כי ה' אמר לו קלל', זעהט מען אַז נאָר אין זכות פון זיין אַ מעביר על מדותיו און די אמונה אין דעם אויבערשטען, איז געבוירן געוואָרן מרדכי הצדיק און עס איז אַרויסגעקומען דערפון די ישועה פאַר כלל ישראל.

**נח.** דאָס דאַרף נאָך מער חיזוק אין דעם טאָג פון פורים, ווען צוליב די מצוות היום קענען אויך פאַסירן פאַרשידענע שטרויכלונגען, און עס ווערט נישט אַלעס געטוהן ווי דער מענטש וויל, ודי למבין... מ'דאַרף שטיין אויף דער וואָך אַז מ'זאָל נישט ווערן אויפגערעגט און מפקיד זיין אינעווייניג און אינדרויסן, נאָר צו זיין אַ מעביר על מדותיו, און זיך פירן מיט די מדה פון וותרנות. מיט דעם טוט מען פאַרדינען אַז מ'וועט נישט קאַליע מאַכן די 'אַטמאָספערע' פון יום טוב פורים...

עונש, ווייל יענעם טאָג האָט ושתי איהם פאַרשעמט, ווען זי האָט איהם געזאָגט גאָר שאַרפע ווערטער. זי האָט איהם געזאָגט אַ לשון גנאי, באַצייכענענדיג איהם אַלס דער ׳היטער פון די פערד׳ אין איר פאָטער׳ס פּאַלאַץ. זי האָט געזאָגט: מיין טאַטע האָט געקענט טרינקען וויין פאַר טויזנט מענטשן און ער איז נישט געוואָרן שיכור, און דו האָסט געטרינקען אַביסל וויין, און שוין ביזטו געוואָרן אָנגעטרינקען. אַדאַנק די דאָזיגע בושה, איז די גזירה נמתק געוואָרן פון אחשוורוש. וועגן דעם איז ושתי - נישט אחשוורוש - גע׳הרג׳עט געוואָרן.

**אויף** דעם זאָגט דער פּסוק: ׳וכלים מכלים שונים׳, קען מען לייענען דאָס וואָרט ׳מַכלים׳. דורך די בושה וואָס ושתי האָט איהם פאַרשעמט, איז זיין גזר דין פאַרענדערט געוואָרן, און ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון טויט צום לעבן[נט].

**אויב** אַזוי, קענען מיר מאַכן אַ ׳קל וחומר׳, מה דאָך דער רשע אחשוורוש, וואָס ער האָט נישט אָנגענומען מיט ליבשאַפט די בזיונות, האָט ער זוכה געווען אַז מ׳זאָל צערייסן אין הימל זיין גזר דין, איז דאָך אַ ׳קל וחומר, בן בנו של קל וחומר׳, אַז אידן מאמינים בני מאמינים, ׳עושים מאהבה ושמחים ביסורים׳, איז זיכער אַז קיין באַשעפעניש קען נישט משיג זיין דעם גרויסן שכר וואָס אַ איד באַקומט ווען ער האָט גוטע מידות[ס].

**נט.** די גמרא זאָגט (מגילה יב:) אויפ׳ן פּסוק (אסתר ב, א) ׳זכר את ושתי ואת אשר עשתה, ואת אשר נגזר עליה׳, אַז די גזירה אַז ושתי זאָל גע׳הרג׳עט ווערן איז געווען אַן עונש פאַר דעם וואָס זי האָט געפּייניגט אידישע טעכטער און זיי געצוואונגען צו אַרבעטן אין שבת.

זאָגן די בעלי המוסר, אַז מ׳דאַרף זיך מתבונן זיין דערין, אויב זי וואָלט מסכים געווען צו קומען צום קעניג, וואָלט דאָך אחשוורוש נישט געוואָרן אויפגערעגט אויף איר, נאָר אדרבה, פּונקט פאַרקערט... אויב אַזוי, ווי אַזוי וואָלט זי באַקומען איר שטראָף פאַר די פאַרברעכנס וואָס זי איז באַגאַנגען? נאָר זאָגן די בעלי המוסר אַ וואונדערליכן חידוש, אויב זי וואָלט איינגעשטימט צו קומען צום קעניג, וואָס דאַן וואָלט זי דאָך פאַרשעמט געוואָרן, וואָלטן די בזיונות געווען אַ כפּרה פאַר אירע זינד, און עס וואָלט איר נישט געקומען אַן עונש!

דער מאָדזשיצער רבי, הרה״ק רבי שאול ידידיה אלעזר זצ״ל, ברענגט (ישא ברכה׳, ח״ה, ע׳ כט) אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה״ק רבי יחזקאל׳ע קאָזמירער זי״ע, אַ רמז אין פּסוק (אסתר א, יח) ׳וכדי בזיון וקצף׳: דער בזיון איז גענוג צו זיין אַ כפּרה אויף דעם וואָס מ׳האָט חלילה דערצערנט דעם אויבערשטען כביכול.

דער גאון רבי חיים שמולעוויץ זצ״ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים, האָט געברענגט אַ ראיה פון די גמרא (מגילה טו:) וואָס פרעגט, פאַרוואָס האָט אסתר איינגעלאַדנט המנ׳ען צו די סעודה? זאָגט רבי שמעון בן מנסיא, ׳אולי ירגיש המקום ויעשה לנו נס׳. זאָגט רש״י: ווען דער אויבערשטער וועט שפּירן אַז איך דאַרף חנפ׳ענען דעם רשע המן און מזלזל זיין אין מיין כבוד. איז שווער, וואָס פאַר אַ זכות איז דאָס ביי דעם אויבערשטען אַז אסתר האָט געדאַרפט חנפ׳ענען דעם רשע המן?

נאָר פון דאָ לערנען מיר דעם כח פון אַ בזיון, אַז עס איז אַ כפּרה פאַר דעם מענטש און עס ראַטעוועט איהם מכל צרה וצוקה, ווייל מיר זעהען דאָך, אַז כאָטש די אידן האָבן געפאַסט דריי טעג און דריי נעכט, און האָבן מתפלל געווען צו דעם אויבערשטען ער זאָל זיך דערבאַרימען און זיי ראַטעווען פון המנ׳ס גזירה, האָט אסתר זיך נישט צופרידנגעשטעלט דערמיט, נאָר זי האָט איינגעלאַדנט המן הרשע צו די סעודה און זיך אַליין פאַרשעמט און מזלזל געווען, כדי אין זכות פון די בזיונות, זאָל בטל ווערן די גזירת כליה אויף אַלע אידן.

**ס.** דאָ איז טאַקע כדאי מעורר צו זיין די מענטשן וואָס האָבן זוכה געווען צו האָבן בזיונות, אַז זיי זאָלן וויסן אויסצונוצן די גוטע מתנה וואָס הייסט ׳בזיונות׳, ווייל זיי האָבן אַ שעת הכושר מתפלל צו זיין אויף אַ ישועה וואָס זיי דאַרפן האָבן, ווייל עס איז אַ וואונדערליכער עת רצון אָנצונעמען זייערע תפילות אין אַ צייט פון בזיונות. מיר האָבן שוין טאַקע געהערט אַסאַך מעשיות וועגן מענטשן וואָס זענען פאַרשעמט געוואָרן אין דעם טאָג פון פּורים, און האָבן זוכה געווען להפקד בדבר ישועה ורחמים.

מיר וועלן דאָ אַראָפּברענגען איין מעשה, ׳ללמד על הכלל כולו יצא׳. עס האָט אונז דערציילט אַ גוטער ידיד, אַ חשוב׳ער איד, אַז זיין טאָכטער האָט זיך עפּעס נישט גוט געפילט. נאָך דעם ווי די דאָקטוירים האָבן געמאַכט אַ ׳ביאָפּסיע׳, האָבן זיי געזאָגט אַז זיי האָבן געטראָפן אַז דער מצב איז נישט גוט ל״ע... דער איד לעבט מיט׳ן ׳באר

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו באַקומען 'משלוח מנות' און מתנות[סא], אַ גרויסע שפע און אַלע סאָרטן ישועות. מיר זאָלן בקרוב בימינו זוכה זיין צו די גאולה שלימה, און זעהן בקרוב די לאַנגע 'גלות-מגילה', ווי אַלעס איז געווען לטובה ולברכה פאַר אידישע קינדער, ווי דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט, אַז פון אַלע צרות פון כלל ישראל איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ 'מגילה', פונקט אַזוי ווי מגילת אסתר אין דער צייט פון אחשוורוש, און מגילת אנטיוכוס אין די צייטן פון די יוונים. צום סוף האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אַלעס איז געווען לטובה.

**זאָל** דער אויבערשטער טאַקע העלפן, מיר זאָלן שוין זוכה זיין צו זעהן די 'מגילה' פון דעם לאַנגען ביטערן גלות, מיר זאָלן זעהן עין בעין, אַז אַלעס וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט אונז, איז געווען פאַר אונזער טובה.

---

האמונה', האָט ער געוואוסט וועגן די ווערד פון בזיונות, וואָס קענען אַלעס מסדר זיין, און אין דעם כלל, אויך אויסגעלייזט צו ווערן פון טויט רח"ל, ווי הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האָט געזאָגט. האָט דער איד באַשלאָסן צו וואַרטן אויף אַ גוטן בזיון, וואָס דורך דעם וועט זיין טאָכטער קענען געראַטעוועט ווערן פון יעדער סכנה.

עטליכע טעג שפעטער, אין אַ פאַרטאָגס, איז אַ איד אַריינגעקומען אין דער שול וואו דער איד האָט געדאַווענט אינדערפרי, און האָט אָנגעהויבן שרייען און איהם פאַרשעמען, שעלטן און שימפּפן מיט אַלע סאָרטן קללות און בזיונות. די אידן וואָס זענען געזעסן נעבן איהם, האָבן זיך אַלע געוואונדערט, זעהט נאָר ווי יענער שרייט און שעלט, און דאָקעגן ער שווייגט, כאילו מ'מיינט נישט איהם נאָר אַ צווייטן... אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אין משך פון צען גאַנצע מינוט.

ווען יענער האָט געענדיגט שרייען און שעלטן, האָט דער איד זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל, און מתפלל געווען צום באַשעפער אַז ער זאָל שיקן אַ רפואה שלימה פאַר זיין טאָכטער. ער שענקט איר אַוועק דעם זכות פון די בזיונות וואָס ער האָט יעצט געליטן. אויך ווען זיינע שכנים אין 'כולל' האָבן איהם שפעטער געזאָגט די 'בשורה' אַז זיי האָבן מברר געווען וועגן יענעם וואָס האָט איהם אָנגעשריגן און געשאָלטן, ווער ער איז און ווער ס'איז זיין רבי, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ער איז 'נישט אינגאַנצן', און ממילא דאַרף ער זיך נישט מאַכן צו טוהן דערפון, האָט ער זיי געזאָגט: 'איך האָב עס שוין געקעשט'... (דאָס הייסט, ער האָט שוין אַרויסגענומען 'מזומן' דערפאַר..), נאָר ער האָט זיי נישט דערציילט וואָס פאַר אַ ישועה ער ערוואַרט יעצט אין זכות פון די דאָזיגע 'הוצאות'.

ווען ס'איז געוואָרן טאָג, האָט דער איד געבעטן זיין טאָכטער זי זאָלן נאָך אַמאָל אַריבערגעיין צום דאָקטאָר און איהם בעטן ער זאָל נאָך אַמאָל מאַכן אַ 'ביאָפּסיע'. זי האָט אַזוי געטוהן, און עטליכע טעג שפּעטער האָבן זיי געהערט די גוטע בשורה, אַז מ'האָט דאָרט געפונען עפּעס אַ 'קלייניגקייט' וואָס מ'קען לייכט אַראָפּנעמען (לויט די שפּראַך פון די עסקנים פון רפואה, מיינט דאָס, אַז אויב ס'איז נגזר געוואָרן חלילה די קראַנקהייט, איז עס אַ ברכה אויב מ'קען עס אַראָפּנעמען אויף אַזאַ לייכטן אופן).

**סא.** דער באָיאָנער רבי, הרה"ק רבי מרדכי שלמה זצ"ל, האָט אַמאָל געזאָגט אין דעם טאָג פון י"ז אדר (די יאָרצייט פון זיין טאַטן, הרה"ק בעל 'פחד יצחק' זצ"ל פון באָיאַן): אידן האָבן דאָך פאַרגאַנגענעם פורים העברה עלינו לטובה, מקיים געווען די מצוה פון משלוח מנות און מתנות לאביונים, און דער ירושלמי (ר"ה פ"א ה"ג) זאָגט, אַז דער אויבערשטער איז מקיים די גאַנצע תורה. אויב אַזוי, איז דאָך פשוט אַז אויב אידישע קינדער זענען ראוי מ'זאָל משפיע זיין אויף זיי אַלע גוטע השפעות, הייסט עס נישט 'מתנות'. ווען ווערט עס יאָ גערעכנט ווי אַ 'מתנה'? - ווען זיי זענען נישט ראוי דערצו... ממילא, זאָל דער אויבערשטער זיי געבן בתורת 'מתנות לאביונים', בני חיי ומזוני, אמן.